The Hebrew Journal

דער אידישער

זשורנאל

The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

VOLUME III. No 694 — Toronto, Sunday, September 19th, 1915 — י״א תשרי תרע״ו. — זונטאג, סעפט. דער 19־טער, 1915. — PRICE: 1 CENT

ווילנא אויף א וואגשאל

פעטראגראדער סטרייקער פאר׳ן קריעגס געריכט

ענגלישע ארבייטער געגען קאנסקריפשאן

פעטראגראד, סעפט. 17.

פעלד מארשאל פאן הינדענבורג און יעצט פערשטארקט געווארען פון אן ארמיי, וועלכע בעשטעהט פון 400,000 סאלדאטען חוץ ארטילעריע. מיט זיין גאנצער ארמיי האט ער זיך א לאז געטהאן אויף דער גאנצער רוסישער ליניע צו דרום צו און ווי עס ווייזט אויס, וויל ער נעהמען ווילנא און דווינסק און דאן ערשט זיך נעהמען צו ריגא.

דער רוסישער קריעגס אפיס האט היינט אין א אפיציעלען בעריכט צוגעגעבען, אז די רוסישע סאלדאטען האבען זיך געמוזט צוריקציהען פון די פלעצער, וועלכע זענען אטאקירט געווארען פון די דייטשען. דער אפיציעלער בעריכט ערקלעהרט אויך, אז מיטוואך האבען די רוסען גענומען 1.100 דייטשע געפאנגענע.

דער טעקסט פונ׳ם בעריכט לעזט זיך ווי פאלגט:

דרום מעריב פון דווינסק האבען מיר צוריקגעשטויסען די ארנאדיפהעריליכע אטאקעס פונ׳ם שונא.

פיעלע אבטהיילונגען פון דייטשער קאוואלעריע האבען זיך געוויזען אין דעם ראיאן פון דער פלאצקער אייזענבאהן.

ווייטער צפון מעריב פון ווילנא איז דעם שונא געלונגען אריבערצוגעהן די טייך ווילנא.

דרום מזרח פון ארני האבען די דייטשען עטליכע מאל פרובירט אריבערצוגעהן די טייך ווערסאווקא, אבער עס איז אונז געלונגען זיי צוריקצוטרייבען.

אין דער דירעקציאן פון פינסק ציהען זיך אונזערע טרופען צוריק אונטער די אטאקעס פונ׳ם שונא.

אין גאליציען, מטבען אונזערע ארמייען ווייטערדיגען פראגרעסעע.ע די צושלאגענע ארמייען פון די עסטרייכער, האלטען אין איין מאכען קאנטאר אטאקעס, אבער אלע זייערע אטאקעס טראגען א לאקאלען כאראקטער און אונזערע טרופען געהען אלץ פארווערטס.

מעריב פון דעם דארף פענדיק און דזינא ראיאן האבען מיר גענומען 410 געפאנגענע און 4 מאשין ביקסען.

ארום די דערפער נאווא אלעקסעינקי און וויסנעוויטש מעריב פון טארנאפאלער ליניע, מאכען אונזערע טרופען ווייטערדיגען פראגרעס.

לאנדאן, סעפט. צ1.

ווילנא איז איצט קאן מען זאגען בעלאגערט פון דריי זייטען. מעקענזענס חיל האט געגרייכט א פונקט נעבען ווילעיקי, דאס איז 37 מייל אין דרום מזרח פון ווילנא.

אין צפון מזרח איז דאס חיל בלויז אייניגע מייל ווייט, צווישען די צוויי אייזענבאהנען וועלכע קומען זיך צונויף אין נאווא ווילעיסק.

דער שונא געהט אויך דירעקט אויף ווילנא פון מערב זייט פון א פונקט אין דרום מזרח פון מעיכאנגאלא. דאס פאלען פון ווילנא וועט איבערגעבען אין דייטשע הענד א גרויסע טהייל פון פעטראגראדער אייזענבאהן, א טהייל פון וועלוער, צווישען דווינסק און ווילנא, די דייטשען האבען שוין.

אויף׳ן דרום׳דיגען עק פון דער שלאכט ליניע זיינען די רוסען בסדר ערפאלגרייך, אין גאליציען הייסט עס זייער לעצטער נצחון בעשטעהט נעמליך אין דעם וואס זיי האבען גענומען 13 הונדערט געפאנגענע ביי בטייך סטריפא.

ווילנא ווערט אויסגעליידיגט.

פעטראגראד, סעפט. 18.

א שרעקליכער קאמפף האט זיך שוין אנגעהויבען צוליעב ווילנא. אין מזרח זייט פון דער שטאדט מאכען די דייטשען קרעפטיגע אנגריפע. אייניגע מחנות פון זונא האבען געגרייכט די נאווא ווילעיסק־מאלאדיעטשנא אייזענבאהן און מאכען פערזוכען דורך צו שניידען די רוסישע ליניען.

היינטיגער אפיציעלער סטייטמענט לויטעט, דאס די שלאכט ארום ווילנא איז איצט די מורא׳דיגסטע וואס קומט פאר אויף דער גאנצער ליניע פון דער באלטישען ים, ביז גאליציען. און עס איז אויך ווארשיינליך אז דער צאר וועט ארדערען אויסצוליידיגען ווילנא אין א פאר טעג.

וועהרענד אבער די דייטשען האבען ערפאלג אין דיעזער שלאכט און אויך אין דרום מזרח פון ארני, האבען די רוסען נצחונות אין דרום מזרח. אויף א פראנט וואס ציהט זיך פון דעם ראיאן ארום דראזשנא ביז טרעמבאוולא האבען גענעראל איוואנאפ׳ס טרופען געכאפט אונגעפעהר 3,500 געפאנגענע און האבען פערנומען דריי דערפער און געמאכט די עסטרייך דייטשע טרופען אנטלויפען אין גרויס איילעניש און אין אונארדנונג.

ווילנא ווערט ארומגענומען.

דער אפיציעלער בעריכט פון נעכטען אווענד לויטעט:

ארום ריגא זיינען פארגעקומען צוזאמענשטויסען פון קליינע מחנות אויף׳ן טייך עקאן און אויף אייניגע פלעצער אויף דעם מערב ברעג פון דער דווינא צווישען יאקאבשטאט און דווינסק. דעם שונא׳ס אטאקען אין מערב און אין דרום־מערב פון דווינסק געהן נאך אן.

דעם שונא׳ס אנגריף צווישען דעם וועג וואס פיהרט קיין דווינסק און דעם טייך סאמאווא איז צוריקגעשטויסען געווארען פון אונזער ארטילעריע פייער. אין א קאמפף וואס איז פארגעקומען אין צפון זייט פון סוויענציאני, נעבען דארף דאווגעלישקי איז דער רעזולטאט געווען אז דאס דארף איז אריין געפאלען אין די הענד פון שונא.

אין דרום מזרח פון מייכאנגאלא, אין דער ריכטונג פון ווילנא ענטוויקלען די דייטשען מעכטיגע אטאקען.

אין דרום מזרח פון אראני זיינען אייניגע אטאקען פון שונא אויף די דערפער אייזנוטי און דאטשיטשקי צוריקגעשטויסען געווארען, נאך אן עקשנות׳דיגער שלאכט איז עס די דייטשען געלונגען צו פערכאפען דאס דארף ראדזוני.

נעבען דארף יאקובאווצי, צווישען דארף נאווידוואר און לידא (נעבען קרייצונגספונקט פון די ווילנא־ראוונא און סידליעץ־פאלאצק אייזענבאהנען, זיינען אלע דייטשע אטאקען צוריקגעשטויסען געווארען.

דער שונא איז צוגעקומען צום טייך סטשארא האט אונז אטאקירט נעבען דעם דארף וואס רופט זיך אויך סטשארא און איז אריבער צום רעכטען ברעג.

אין דער צייט וואס דער שונא האט אנגעפיהרט זיין אפפענסיווע אויף דער גאנצער לענג פון דער אייזענבאהן ליניע פון קאברין ביז מינסק, זיינען אין דער זעלבער צייט פארגעקומען צוזאמענשטויסען נעבען נאלאקאוויטשני סטאנציע אין מערב פון פינסק.

אין דער צייט ווען עס איז אנגעגאנגען די שלאכט צו פערכאפען דערזונא האבען מיר ווידער געהאט גרויס ערפאלג. אונזערע טרופען האבען זיך ארויסגעווארפען אויף דער שטאט און האבען פעריאגט דעם שונא ביז צום דארף רודאקראסנאוויע וועלכעס זיי האבען גענומען מיט שטורם. מיר האבען אויך גענומען צוויי טויזענד געפאנגענע און פיער מאשין הארמאטען.

אונזער געגען אטאקע אויף דעם גרעניץ דארף גאנטאווא, אין דרום מערב פון שטעדטעל ווישניוועץ, באטש זי האט זיך ניט געענדיגט מיט אונזער פערכאפען דאס דארף זי האט אבער ערמעגליכט אונזער נעהמען געפאנגען צוועלף אפיצירען מיט 540 סאלדאטען און פערכאפען דריי מאשין הארמאטען.

אין די צוזאמענשטויסען וואס זיינען פארגעקומען אין מזרח ראיאן פון דארף באבולינצע אויף׳ן טייך סטריפא און אויך צו צפון זייט פון בוטשאטש האבען מיר גענומען געפאנגענע 14 אפיצירען און 8 הונדערט סאלדאטען. מיר האבען פערכאפט דאס דארף יאנאווקע, און אויך פסלאווא. דער שונא איז פון דארט אנטלאפען אין אונארדנונג.

):(

לאגע פון ווילנא אויף משקולת.

0

לאנדאן, סעפט. 18.

רויטערס א טעלעגראמע פון פעטראגראד לויטעט:

דער שיקזאל פון ווילנא הענגט אויף משקולת. די שפעטעסטע בריעף וואס זיינען פון דארט ערהאלטען געווארען דערצעהלען, דאס די קנאלען פון די קאנאנען הערען זיך כסדר אהן אן אויפהער טאג ווי נאכט באמבעס פאלען אפט פון די וואלקענס. רעגיערונגס אינסטיטוציאנען זיינען שוין ארויס געפיהרט געווארען. פאבריקען ווערען איצט ארויסגעפיהרט טויזענדער ארבייטער האבען שוין די שטאט פערלאזט. צוקער איז גענצליך אויסגעגאנגען און די פרייזען פון פערשיעדענע לעבענס־מיטעל האבען זיך פערדאפעלט.

אלע צייטונגען זיינען אבגעשטעלט געווארען.

רוסישער חיל וועט זיך ראטעווען מיט פוהרען.

לאנדאן, סעפט. 18.

פעטראגראד גיט צו דאס ניט נאר האט ווילנא׳ס שטונדע געשלאגען, נאר אויך דאס די ארמיי וועלכע פערטהיידיגט ווילנא וועט זיך ניט קענען ראטעווען מיט דער אייזענבאהן, נאר מיט פוהרען. עס לויפען טאקי אייזענבאהנען פון ווילנא קיין סוועגציאני און קיין דווינסק, און אין דרום מזרח קיין מינסק דורך מאלאדיעטשנא, און אין דרום קיין לידא, די אלע אייזענבאהן ליניעס זיינען ענטוועדער שוין אין די הענד פון די דייטשען אדער אין סכנה צו זיין אריינצופאלען. דאס וועט פיליכט פיהרען דערצו, אז עס וועט קומען צו אן אלגעמיינער שלאכט.

ניט נאר האט דער שונא ענג געמאכט דעם שטריק ארום דער ווילנא־דווינסק אייזענבאהן, נאר ער שפארט זיך אויך צו די טויערען פון דווינסק אליין, הונדערט מייל אין צפון פון ווילנא.

רוסישער פראנט געבראכען.

בערלין, סעפט. 18

די רוסישע אוואנסירטע פאזיציאנען זיינען אטאקירט און גענומען געווארען ביי דער דווינסקער בריק, און דער רוסישער פראנט איז דורכגעבראכען געווארען אין דרום זייט אויף אייניגע פונקטען צווישען ווילנא און טייך ניעמען.

זייט גאנץ פריה האלט דער שונא אין צוריקציהען זיך. מיר האבען פערכאפט 26 אפיצירען, 5580 סאלדאטען און 16 מאשין הארמאטען.

מעקענזען פראגרעסירט.

אין דרום זייט [illegible] פינסק ביי [illegible] לעטשאני־לאגישען [illegible] דער שונא [illegible] טער פערטריבען געווארען. [illegible] איהם פון פינסק [illegible] געפאנגענע פערגרעסערט [illegible] אויף 21 אפיצירען, 23 [illegible] סאלדאטען. מען האט [illegible] הארמאטען.

פערשווערונג געגען דער בראזיליאנער רעגיערונג

ריא זשאנעירא, סעפט. 17.

א רעוואלוציאנערע פערשווערונג מיט׳ן צוועק אומצואווארפען די בראזיליאנער רעגיערונג און צו גרינדען אויף איהר פלאץ א מיליטערישע דיקטאטור איז דא ענטדעקט געווארען. מען גלויבט דאס פיעלע אפיצירען אין דער ארמיי זיינען פערמישט אין דיעזער פערשווערונג.

דאס הויז וואו די פערשווערער האבען זיך פערזאמעלט איז בעלאגערט געווארען פאריגע נאכט און פיעלע קאנספיראטארס זיינען ארעסטירט געווארען.

צווישען די ארעסטירטע זיינען געוועזען גענעראל פאנטאלעאן אטעלא און גענעראל יאאקין איגנאציא, ביידע אויסגעשפראכענע געגנער פון דער איצטיגער רעגיערונג.

די פאליציי האט היינט אנאנסירט, דאס אייניגע פון די ארעסטירטע האבען ארויסגעגעבען די נעמען פון זייערע מיטשולדיגע. מען זוכט איצט די איבעריגע. די פאליציי האט פערכאפט א צאהל געווער און אמוניציע.

די רעגיערונג האט היינט ארויסגעלאזט א מאניפעסטא, אויסדריקענדיג איהר צוטרויען אין דער ארמיי און אין דער פלאטע, וועלכע וועלען אויפרעכטהאלטען און שיטצען די רעגיערונג וואס איז קאנסטיטוציאנעל פערמירט געווארען.

פעטראגראדער סטרייקער אונטער קריעגס געריכט.

פעטראגראד, סעפט. 18.

אלס רעזולטאט פון די סטרייקס אין אייניגע פאבריקען האט דער מיליטערישער גאווערנאר פון פעטראגראד געהייסען אויסקלעפען פראקלאמאציעס אויפפאדערנדיג אלע ארבייטער צו געהן צוריק צו דער ארבייט שבת נאכמיטאג ערקלעהרענדיג דאס די יעניגע וועלכע וועלען ניט פאלגען וועלען געאורטהיילט ווערען פון א קריעגס געריכט.

ענגלישע קאמיסיע קומט אין קענעדע.

ניו יארק, סעפט. 18.

די פינאנציעל ענגלישע קאמיסיע וועלכע איז געקומען אין ניו יארק צו מאכען א הלואה פון א ביליאן דאלאר, מאכט פראגרעס, אויף׳ן אמעריקאנער געלד מארקעט איז פרעהליך, אלע זענען פראינטערעסירט און רעדען בלויז וועגען דער הלואה.

מען איז מעהר ווי זיכער אז אין גיכען וועט אלעס זיין געענדיגט.

לארד רעדינג דער טשערמאן פון דער פינאנציעלער קאמיטע האט היינט געהאט א קאנפערענץ מיט׳ן ענגלישען אמבאסאדאר אין די פעראייניגטע שטאאטען, ווי מען פערשטעהט האבען זיי גערעדט וועגען דער הלואה, עס הערט זיך אויך אז דיא גאנצע קאמיסיע וועט קומען אהער אין קענעדע אויף א בעזוך אזוי שנעל ווי זיי וועלען דארטען פערטיג ווערען מיט זייערע ביזנעס קומען זיי גלייך אין אטאווא, און ווי עס הערט זיך וועלען זיי דא בעקומען א פארמאלע אויפנאהמע פון דער רעגיערונג

ו. סטעפאנסאן, נארד פאול פארשער, לעבט.

אטאווא, סעפט. 17.

היינט איז דא ערהאלטען געווארען א ידיעה פון ביילי איילענד פון ו. סטעפאנסאן, אז ער האט אנגאזשירט פרישע העלפער און א שיף און דאס ער פאהרט ווידער צום נארד פאול.

ו. סטעפאנסאן דער קענעדער פארשונגסרייזענדער וועלכער איז געווען דער הויפט פון אן עקספעדיציאן, געשיקט און פינאנסירט פון דער קענעדער רעגירונג מיט 18 מאנאט צוריק, פון וועלכען מען האט ביז איצט ניט געהערט, האט זיך דאס איצט געלאזט הערען מיט דיזער טעלעגראמע.

עס איז קיין צווייפעל ניט געווען, אז ער איז שוין לאנג טויט, און דיזע ידיעה קומט ווירקליך אלס אן אנגענעהמע איבעראשונג.

קענעדע בעקומט א 65 מיליאנענדיגען ארדער

צום ערשטען מאהל וועט קענעדע מאנופעקטשורען אמת׳ע האוויצערס און גרויסע הארמאטען פאר ענגלאנד. דעם ערשטען ארדער האבען שוין די קענעדער מאנופעקטשורערס בעקומען פון ענגלאנד אויף א סומע פון 65 מיליאן דאלאר.

אויב די הארמאטען וועלען געפעלען ווערען, וועט קענעדע בעקומען מעהרערע ארדערס אויף שווערע ארטילעריע.

ווילען ברענגען צו א שלום

דער ארדען "בני ברית" האט גענומען [illegible] צונויפצוברענגען די "אמעריקאנער אידיש קאמיטע" און די "קאנגרעס קאמיטע" אז ביידע קערפערשאפטען זאלען קומען צו א פערשטענדניס, און א קאנפערענץ צווישען זיי וועט דיזע טעג פארקומען.

פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע פאר׳ן אידישען קאנגרעס האבען מיר ערהאלטען א צושריפט, אין וועלכען עס ווערט צווישען אנדערעס געמעלדעט אז די קאנווענשאן פון דער י. מ. ה. א. פון ניו ענגלאנד סטייטס האבען זיך אויף זייער לעצטער קאנווענשאן ארויסגעזאגט פאר א קאנגרעס.

א רעזאלוציע פאר א קאנגרעס איז אויך אנגענומען געווארען אויף א קאנפערענץ פון פיעלע אידישע ארגאניזאציעס אין אמאהא, אין לינקאלן, נעבראסקא.

ענגלישע סובמארין געזונקען

די ענגלישע אדמיראליטעט האט בעקאנט געמאכט, אז לויט אלע וואהרשיינליכקייטען איז די סובמארין אי. 7 געזונקען געווארען ארום די דארדאנעלען.

סטראשען ווילסאן

מילוואקי, וויסקאנסין סעפט. 18

די "מילוואקי פרי פרעס" אן ענגלישע צייטונג וועלכע געהער צו די דייטש אמעריקאנער, איז ארויס מיט א שארפען ארטיקעל געגען פרעזידענט ווילסאן, און סטראשעט מיט רעוואלוציאן, אויב ווילסאן וועט ניט ענדערען זיין פאליסי בנוגע דייטשלאנד וועגען דעם "[illegible]", ווי אויך דאס, וואס אמעריקא נעהמט ניט קיינע מיטלען געגען ענגלאנד וועלכע פערבאפט אמעריקאנער שיפען, וואס געהען נאך נייטראלע האפענס.

שוהלען זיינען מנדר פאר מלחמה קרבנות.

אין אלע שוהלען, בתי מדרשים, און איבעראל וואו אידען האבען נעכטען געבעטען פאר א גוט יאהר און א חתימה טובה, איז געמאכט געווארען געלדער פאר אונזערע אומגליקליכע מלחמה קרבנות וועלכע געפינען זיך אויף יענער זייט ים.

פאר מוסף איז אין יעדער שוהל געהאלטען געווארען רעדעס אפעלירענדיג צוא די פערזאמעלטע זיי זאלען שטיצען דיא מלחמה קרבנות מיט וויפיעל יעדער איינער פערמאגט.

גלייך אויפ׳ן פלאץ האט מען יעדען אידען געמאכט א מי שברך, און אידען זענען קיינמאהל קיין גזלנים ניט, און יום כפור אוודאי ניט און מען האט שנדרט.

ווען מיר געהען צום דרוק ווייסען מיר נאך ניט גענוי וויפיעל געלד עס איז גע־שאפען געווארען, נאר ווי ווייט עס איז בעקאנט האט מען אין דער "גואל צדק שוהל" יוניווערסיטי עוועניו געזאמעלט ארום 3.000 דאלאר.

די נדבות זיינען געווען פון איין דאלאר ביז הונדערט.

אין מיקאל סטריט שוהל 1000 דאלאר אין ציון אינסטיטוט 150 דאלאר, און אין א קליינער שוהל אין דער איסט סייד פאר לאמענט סטריט 100 דאלאר. מארגען וועט מען שוין וויסען גענוי אלע ציפערען וויפיעל עס איז געזאמעלט געווארען.

די געלדער קענען געבראכט ווערען היינט אין יעדער שוהל, וואו קאמיטעס וועלען עס צונעהמען און געבען א רעסיט אדער צו מר. וויינבערגען פרעזידענט פון "אידישען זשורנאל" פאר וועלכע יעדער איינער וועט בעקומען א רעסיט.

סטראשען מיט א סטרייק אין פאל פון קאנסקריפשאן.

לאנדאן, סעפט. 18.

דער עקזעקיוטיוו קאמיטעט פון דער "אמאלגעמייטעד יוניאן אף רייל־וועיס סוירוועגטס", וועלכע האט 300 טויזענד מיטגליעדער, האט געלאזט וויסען דער רעגיערונג, אז אין פאל זי דענקט איינצופיהרען קאנסקריפשאן, זאל זי זיך רעכטען אויף איינערליכע אונרוהען. דער קאמיטעט האט איינשטימיג אנגענומען א רעזאלוציאן, גוט הייסענדיג דעם ארבייטער דעפוטאט׳ס דזשאהן טהאמאסעס רעדע וועלכער האט אין פארלאמענט געלאזט וויסען דער רעגיערונג, אז א רעוואלוציאן וועט זיין דער פאלג פון קאנסקריפשאן די קאמיטע האט אויך בעאויפטראגט דעם סעקרעטער צו רופען א ספעציעלען מיטינג, אין פאל די רעגיערונג וועט אריינטראגען א ביל וועגען צוואנגס־דיענסט.

פייער פעראורזאכט שאדען דער שיף סאנט אננא.

לאנדאן, סעפט. 16.

אז דאס פייער וואס האט אויסגעבראכען אויף דער שיף סאנט אננא, פון דער פאבער ליין אויף איהר וועג פון ניו־יארק קיין נעאפאל, האט געמאכט ערנסטען שאדען, ווערט אנגעדייטעט מיט א דעפעשע פון לאיד׳ס, וועלכע ערקלעהרט דאס 605 פון די פאסאזשירען וואס די סאנט אננא האט געפיהרט, זיינען טראנספערירט געווארען אויף דער איטאליענישע שיף ,,אנקאנא".

די ,,אנקאנא" האט בעגלייטעט דעם פאבער ליין דאמפפער ביז צו אזארעס, ווען מען האט דא ערהאלטען די נייעס, דאס פייער איז גענצליך אויסגעלאשען געווארען.

די סאנט אננא איז אנגעקומען קיין אזארעס.

די סאנט אננא האט געפיהרט מיט זיך 2039 פערזאן, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען אונגעפעהר 17 הונדערט רעזערוויסטען.

זי האט פערלאזען נוי־יארק סעפטעמבער דעם 7־טען קיין נעאפאל און מארסייל. וואס די אורזאכע פון פייער איז געווען ווייס מען נאך דא ניט. אגענטען פון דיעזער ליניע פערזיכערען, דאס זי האט ניט געפיהרט קיין אמוניציע.

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס

דער פרייז פון היינטיגען טאגעס קורס:

38 סענט 3[illegible]

פאר׳ן רובעל

מר. ה. וויינבערג, דער ארויסגעבער פון ,,זשורנאל" מיינט בלויז די טובה פון די וואס שיקען, אז זייער געלד זאל אנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם ביליגסטען פרייז.

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4582
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto Ontario
January 22nd, 1913
TRADES COUNCIL TORONTO 110

די ברכות פון'ם אידישען קוואַרטאל

שוין ניט איינמאהל איז אונז איינגעקומען צו שרייבען וועגען אונזער היגען אידישען קוואַרטאל, וועגען די שאַטענס און מכות פון אונזער „וואַרד", פונקט ווי מילגרוים, איז אונזער קוואַרטאל געבענשט געוואָרען מיט אל־דאָס־גוטס. און זיי האלטען זיך אין איין פרובירען און מעהרען. אמאָהל פלעגען אלע געשעפטען געפיהרט ווערען אין געהיים, ווי מען וואָלט מורא געהאט, אז א בייז אויג זאל זיי ניט שאדען. יענע צייטען האבען זיך שוין פונלאנג געענדיגט. היינט ווערען זיי שוין אנגעפיהרט פראנק און פריי אפען פאר אלע אויגען. דער גייסט פון „פראגרעס", וועלכער שטויסט פאָרווערטס אונזער גאנצער מענשליכע געשיכטע, בעהערשט אויך אונזער קוואַרטאל, און „נייעס" ווערט דארטען אויך געשאפען.

אמאָהל האבען מיר אין קוואַרטאל געהאט בלויז די „פארלארס". יעצט זענען זיי שוין מעהר ניט קיין בן יחידים. פיעלע פריוואט הייזער האבען אנגעהויבען מיט זיי צו קאָנקורירען, און א געיעג געהט אן, ווער עס וועט איבעריאָגען פון זיי.

און נאך א סארט מענשען האבען זיך אינ'ם קוואַרטאל בעוויזען. זיי זענען פיין און אנשטענדיג געקליידעט. קענען זיך האלטען צווישען געזעלשאפט, און שליסען בעקאנטשאפט זעהר שנעל. זיי זענען פערפרייט איבעראל, און פיעלע בעל הבתישע הייזער דרינגען זיי אריין, זיי זוכען די בעקאנטשאפט בלויז מיט יונגע לייט, וועמען זיי לאדען שפעטער איין צו אן אומשולדיגער „קארטען־גיים".

דאס ערשטע מאהל, געווינט זייער קרבן עטליכע דאלאר, איין מאהל, צוויי, עטליכע דאלאר בלויז, און ער איז זייערער. און ער האט שוין זיין נשמה צום טייפעל פערקויפט. ער פערשפּילט זיין פערמעגען, און ווען זיינס ענדיגט זיך, בעקומט ער אנדערע געלד, און שפּיעלט ווייטער און פערלירט ווייטער.

דער אידישער קוואַרטאל איז שוין רייך מיט געניג אזעלכע רואינירטע. דער קוואַרטאל פערמאָגט שוין גענוג אידישע זיהן, וועלכע זענען אפילו אוועק שוין אזוי ווייט, אז זיי האבען בעגנבעט זייערע עלטערן, אום צו קענען אנהאלטען דאס שפּיעל.

און פיעלע פעלע ווערט די זאך אונטערדריקט, מען שעהמט זיך אויסצוזאגען, וואס עס האט פאסירט. מען וויל ניט אז דער נאמען פון'ם קרבן זאל בעקאנט ווערען. פון א גרויסען פראצענט וועט מען אבער געוואר, אבער דאס שאדעט ניט די געך־פערשפרייטער, זיי זאלען נייע קרבנות געפינען.

זייערע נעצען זענען אזוי טיהוליש פערשפרייט, די הייזער, וואוהין זיי ברענגען זייערע קרבנות זענען אזוי איינגעריכטעט, דער אויסזעהן פון די „כאפער" איז אזוי אינטעליגענט און אנשטענדיג, אז דעם קרבן פאלט גאר ניט איין, זיי חושד צו זיין, און לייכט ווי פליעגען, ווערען זיי אין זייער שפּינען־וועב אריינגעפלאָכטען.

און ווען איהר פערקעהרט אין קוואַרטאל, דאן ווייסט, אז פיעלע פון זיי לויערען אויף אייך און האבען אויף אייך אן אויג.

דאס איז איין ערשיינונג אין אונזער קוואַרטאל, אבער דאס איז נאך ניט אלעס.

אידישע פרויען האבען זיך גענומען צו גנבה.

מיר ווילען ניט שרייבען די נעהמען פון קיינעם, ווייל מיר ווילען זיי אין אבגרונד ניט שטירצען, פיעלייכט וועלען זיי נאך בעסער ווערען, און זיך צום גוטען אומקעהרען. אבער ווייסט! אז דער קוואַרטאל אונזערער איז יעצט רייך מיט פיעלע פרויען־גנבים. אמת, זיי בעגעהן ניט קיין גרויסע גנבות. זיי ברעכען ניט אויף קיין קאסעס מיט דינאמיט, און רויבען ניט אויס קיין באנקען, גנבה אבער איז עס דאך. פאר זייער הויפּטפּלאץ האבען זיי געמאכט די היגעדעפּארטמענט סטארס, און גנבענען, גנבענען זיי אזעלכע קליינינקייטען, וועלכע קענען זיי אפילו קיינמאהל ניט צו נוץ קומען.

מיר זאגען פרויען, אבער אויך א גענוגענדע צאהל מענער, זענען צווישען זיי. פאר די לעצטע עטליכע חדשים זענען שוין פיעל אזעלכע פרויען און מענער געכאפּט און ארעסטירט געוואָרען.

כמעט אין אלע פעהלע בעריכטען מיר ניט וועגען זיי. אונזערע אויגען ברענגען פאר שאנדע, צוזעהענדיג דאס אלעס. מיר ווילען אויף אונזער געוויסען ניט נעהמען דאס, וואס פונקט ווי א גנב ווערט דורך „פריזאן" א פערברעכער, אזוי זאלען דיזע פרויען נאך טיעפער אין אבגרונד געבראכט ווערען.

מיר פערעפענטליכען ניט זייערע נעמען, אבער פערשוויגען קען עס דאך בשום אופן ניט ווערען. וואו איז אהין געקומען די צניעות פון דער אידישער פרוי? וואס איז געוואָרען מיט דער אידישער מוטער? זאל טאקי זיין, אז זי זאל שוין אזוי נידעריג האבען געזונקען.

פערטראַכטען זיך כאָטש יענע פרויען אויף דעם, דאס דורך דעם, וואס זיי גנבענען אוועק א שטיקעל „ריבאן" פון אונטער די אויגען פון דער „סיילס־לידי", הייבט מען אן קוקען אויף אלע אידישע פרויען מיט פערדעכטיגע אויגען. טראַכטען זיי כאָטש וועגען דעם, אז מיט זייערע מעשים, זינקען זיי ניט בלויז אין טיעפען אבגרונד, נאר זיי שענדען נאך אויך אונזער נאָמען.

און רעדען מיר שוין וועגען דיזע פרויען גנבים, וועלען מיר אויך בעריהרען דעם צווייטען געשלעכט

אינ'ם אפיס פון'ם „אידישען זשורנאל" געפינען זיך פיעלע קלאגען, אז פיעלע אידישע פעדלער כאפּען זיך אָפּט אריין אין די יארדס און נעהמען דארטען צו וואס זיי געפינען נור. אין מאנכע פלעצער זענען זיי שוין געכאפּט געוואָרען פון קריסטען, און עס האט געהאלטען ביי גאנץ ערנסטע סקאנדאלען.

מיר זאגען ניט אז אלע פעדלער זענען אזוי, אבער די יעניגע, וועלכע ערלויבען זיך דאס, ברענגען שאנדע אויף אלע אידישע פעדלער, און שאַפען אן איינדרוק צווישען אונזערע קריסטליכע שכנים, אז דאס אידישע פאלק איז א פאלק פון גנבים.

ניט גערן, לעזער, האבען מיר געשריבען וועגען דיזע נייע [illegible] מיט וועלכע אונזער קוואַרטאל איז מזכה געוואָרען. מיר ווייסען אבער אז מיר האבען עס געמוזט טהאָן. מיר האבען געמוזט די שאנדע פאר אייך איפּדעקען, אייך מיט דיזע [illegible] בעקענען.

מיר האבען פאר אייך די לאגע אויפגעדעקט.

וואס נעהמט איהר, לעזער, יעצט טהאָן צו דעם?

„ווי עס געפעלט אייך"
"SALADA"
טהעע
פערזיגעלטע פעקלאך בלויז. | שווארץ, געמישט אדער גרין.

אן טרסלטהרונג

פון'ם פאלקס פערבאנד פון קענעדער אידען צו אלע אידען אין קענעדע.

ברידער און שוועסטער!

—מיר שטעהען אויף דער שוועל פון א נייעם יאהר.

מיט א טיעפען שמערץ אין הארצען קעהרען מיר זיך אָב פון'ם שווארצען פינסטערען יאהר, וואס מיר האבען איבערגעלעבט, און מיט שרעק און ציטערניש בליקען מיר צום נייעם יאהר: וואס וועט עס אונז ברענגען?

דאך טאָרען מיר דאס אוועקגעהענדע יאהר — ווי שרעקליך עס זאל ניט האבען געווען — ניט אבלאָזען איינגאנצען אהן א חשבון הנפש": עס קען זיין אז אויף די פערפינסטערטע הימלען פון'ם אלטען יאהר האבען דאך געשיינט א פאָר ליכטיגע שטערען, וואס זייער ליכט און זייער שיין מוזען מיר אריבער טראגען צום נייעם יאהר.

מיר טאָרען דאס נייע יאהר ניט בעגעגנען מיט פערצווייפלונג און מיט מיטטריען: עס קען זיין, אז מיר דארפען בלויז זיך בעסער פארבערייטען צו פערדיגען און ווערטה צו זיין צו לעבען אין א הייליג יאהר פון דער אידישער געשיכטע, אין א יאהר אין וועלכען עס וועט זיך אנהויבען אונזער גאולה, ערלעזונג...

יא! אן אונענדליך גרויסען חורבן האט דאס אידישע פאלק איבערגעלעבט אינ'ם לעצטען יאהר.

פון פאר א יאהרען ביז היינט זענען מיר קלענער געוואָרען אין צאהל, מיר קענען נאך נישט צעהלען אלע אונזערע אָפּפער, אבער מיר ווייסען שוין, אז מיר דארפען זיי צעהלען אין הונדערטער טויזענדער.

פון פאר א יאהרען ביז היינט האבען מיר אנגעוואָרען אונזערע בעסטע און טיכטיגסטע קינדער: איבער הונדערט און פופציג טויזענד יונגע ברידער, יונגע קינדער פון זייערע טאטעס און מאמעס און יונגע טאטעס פון זייערע קינדער, די גאנצע מאכט און פראכט פון'ם אייראָפּעאישען יודענטהום, ליגען יעצט טויטע אויף אלע שלאכטפעלדער פון אייראָפּא. און אין די גאסען, און אויף די פעלדער, און אויף די וועגען פון רוסלאנד וואלגערען זיך די טויטע קערפּער פון אונזערע זקנים און זקנות, פון אונזערע רבנים און גאונים פון אונזערע קליינע עופה'לאך און פון אונזערע חולאים, וואס האבען ניט כח געהאט אריבערצולעבען די ענויים קשים וואס אונזערע שונאים האבען זיי אנגעטהון.

פון פאר א יאהרען ביז היינט זיינען מיליאָנען אידען בוכשטעבליך אויסגעהונגערט געוואָרען. אוועקגעריסענע פון זייער מקור פרנסה, וואנדלען איבער א מיליאָן אידען און לעבען פון'ם לעצטען ביסען, וואס ארימע ברידער וועלען מיט זיי טהיילען. דאס טרוקענע שטיקעל ברויט ווערט מיט ביטערע טרעהרען בענוצט, אבער עס זעטיגט ניט אן דעם הונגעריגען. ווי שאָטענס דרעהען זיך ארום די פון הונגער געפּייניגטע ברידער און שוועסטער און געבען זיי די יונגע קינדערלאך, פערלירענדיג פון טאג צו טאג די לעצטע האפנונג אויף א לעבען אהן יסורים קשים, אהן פּיין און אהן באליידיגונגען.

פון פאר א יאהרען ביז היינט זיינען פיעלע צעהנדליגער און ווער ווייסט אויב ניט הונדערטער אידישע קהלות אבגעמעקט געוואָרען, צווישען זיי אזעלכע, וואס זיינען געשטאנען ווי א עמוד אש אין די לעצטע יאהרהונדערטע פון אונזער גלות־געשיכטע, אזעלכע וואס זענען געווען אונזער שטאלץ, אונזער קרוין אונזערע גלות'דיגע ירושלים'ס און יבנה'ס.

פון פאר יאהרען ביז היינט זיינען חרוב ונחרב געוואָרען פיעל צענטערן פון אידישען וויסען, פון תורה וחכמה, פון אידישע טריבונעס, פון אידישע צייטונגען, פון אידישע ביבליאָטהעקס, פון אידישע שוהלען, בתי מדרשים און ישיבות: דאס אידישע קול איז פערשטומט געוואָרען, דער אידישער קרעכץ איז דערשטיקט און דערוואָרגען געוואָרען נאך איידער ער האט זיך ארויסגעריסען.

פון פאר א יאהרען ביז היינט זיינען פון צוויי ביז דריי מיליאָן אידען ארויסגעריסען געוואָרען פון זייערע אנגעזעסענע פלעצער. געטריבען פון פערווילדערטע מיליטער און בוליגאנעס האבען זיי געמוזט אבריכטען איינעם פון די שרעקליכסטע גלות'ן ביי וועלכע מאמעס זענען אבגעריסען געוואָרען פון זייערע קינדער, פרויען פון זייערע מענער, קהלות אידען פון זייערע חולאים און פון זייערע ספרי תורות. די אומגליקליכע האט מען אפילו ניט ערלויבט צו געניסען פון דער ברידערליכער אויפנאהמע וואס אידישע קהילות האבען זיי געוואָלט מאכען אויפ'ן וועג פון זייער נע ונד זיין.

פון פאר א יאהרען ביז היינט אין פיעלעס פון'ם הייליגסטען און ליעבסטען ביי אונזער פאלק געשענדעט און פערגוואלטיגט געוואָרען. עס איז די בלוטיגסטע, שמערצליכסטע וואונד וואס אונזערע שונאים האבען אונז געמאכט: מיט שמוציגע, גראָבע הענד און פיס זיינען זיי אריין אין די טיעפּענישען פון אונזער נשמה און האבען זי מטמא געווען.

פון פאר א יאהרען ביז היינט איז בעפלעקט און פערשמוצט געוואָרען אונזער נאָמען מיט אלערליי נידריגע פערליימדונגען און בלבולים. הפקר איז געוואָרען אונזער לעבען, הונדערטער מאָל מעהר הפקר אונזער נאָמען. אונזער כבוד אין מיט די פיס געטראָטען געוואָרען: מיר זענען פאר דער וועלט ארויסגעשטעלט געוואָרען אלס שפּיאָנען און פעררעטער פון דער רעגירונג, פאר וועלכער מיר האבען זיך אממייסטענס געאָפּפערט, פאר וועלכער אונזערע בעסטע זיהן זיינען אין שלאַכט געפאלען. און גאנץ אייראָפּא, די ציוויליזירטע אייראָפּא, די אייראָפּא וואס האט אומעטום געפאָדערט אויף אלע פראָנטען מלחמה צוליעב דער בעפרייאונג פון אונטערדריקטע פעלקער, האט געהערט, געזעהן און געשוויגען. מיט אונז האט יעדער געמעגט טהון וואס ער האט געוואָלט און ווי ער האט געוואָלט. מיר זיינען היינטיגעס יאהר געשעלט געוואָרען אויסער געזעץ אלס פאלק און אויסער געזעץ אלס מענשען.

... און אך מעהר ווי דאס אלעס: זאכען וואס די פען קען ניט אויסשרייבען, דאס מענשליכע מויל קען ניט ארויסריידען און דער מענשליכער געדאנק קען ניט בעגרייפען, האט מיט אונז געטראָפען פון פאר א יאהרען ביז היינט.

אנ'אנדער פאָלק וואָלט עס געוויס ניט איבערגעטראגען, אנ'אנדער פאָלק וואָלט זיך געוויס אונטערגעגעבען, און אריינפאלענדיג אין א נאציאָנאלער מרה שחורה, וואָלט עס זיך איינגאנצען ענטזאגט פון קאמפּף.

מיט אונז אבער — מיט די אייניקלעך פון די ישעיה הנביא'ס און די חשמונאים־מכבבי'ער — איז פארגעקומען פונקט דער היפך: מיר זיינען נאך הארטנעקיגער געוואָרען, מעהר פארבערייטעט צום קאמפּף, מעהר פעראייניגט, בעסער ארגאניזירט און טיעפער גלויבענדיג אין אונזער זיג.

א טיעפער געפיהל פון נאציאָנאלער איינינקייט האט ארומגעכאפּט אלע קלאסען און שיכטען פון אידישען פאָלק. אלע אנדערע אינטערעסען זיינען אויף א מינוט אבגערוקט געוואָרען צוליעב דער הייליגער פליכט פון פאָלקס רעטונג.

א שטאָלצער געפיהל פון נאציאָנאלער זעלבסטווירדע האט אנגעהויבען צו לעבען אין יעדען איינעם פון אונז. ניט נור האבען מיר אונזער קאָפּ ניט געבויגען פאר די גרויסע צרות, פּיין און הונגער, עלענד און נויטה, נור אויך האבען מיר זיך געזאָגט: עס מוז איינמאָל פאר אלע מאָל נעהמען א סוף צו יודענוויטה און יודענעלענד. מיר אלע האבען זיך געזאָגט: מיר מוזען פאָדערען ביי דער גאנצער וועלט אן אנערקענונג, אז מיר זיינען א נאציאָן, און אז אלע אונזערע רעכטע אלס מענשען און אלס פאָלק מוזען פון היינט אן און ווייטער רעספּעקטירט ווערען!

און פיעלע פון אונז האבען זיך זאָגאר געזאָגט, אז עס מוז געשאַפען ווערען א אידישע זעלבסטשטענדיגע רעגירונג אין א אייגענע אידישע היים אין ארץ ישראל!

און ניט נור האבען מיר זיך דאס אלעס געזאָגט, נור מיר האבען אויך אנגעהויבען צו גלויבען, אז אונזער שטימע וועט מוזען דערהערט ווערען פון גאנץ אייראָפּא און אמעריקא, און אז דער פריעדענס קאָנפערענץ, וועלכער וועט בעשטימען דעם גורל פון אלע אונטערדריקטע נאציאָנען, וועט מוזען נאָכקומען אונזערע גערעכטע פאָדערונגען.

א געפיהל פון ערנסט און פעראַנטוואָרטליכקייט פאר דעם הייליגען קאמפּף וואס שטעהט אונז פאָר, ווי אויך א געפיהל פון זעלבסטשטענדיגקייט און אונאבהענגיגקייט האט ארומגעכאפּט די ברייטע אידישע פאָלקסמאסען. דאס פאָלק האט גענומען די פאָלקס זאך אין זיינע איינענע הענד. דאס פאָלק געהט ניט מעהר בלינד נאָך די זעלבסט־ערקרויטע פיהרער און הערשער, נאָך די זאָגענאַנטע אידישע פארשטעהער, וואס האבען אונז מיט זייער שתדלות־פּאָליטיק נור צו שאַנד און צו שפּאָט געמאכט אין די אויגען פון די גרויסע נאציאָנען, וואס האבען אליין ניט בעגריפען אונזער מאכט, וואס האבען אליין ניט געגלויבט אין דער עקזיסטענץ און אינ'ם כח פון דעם פאָלק, אין וועמענס נאָמען זיי האבען גערעדט. דעם פאָלק גלויבט יעצט בלויז אין זיינע איינענע כחות, דאס פאָלק נעהמט יעצט אויף מיט אָפענע אָרעמס בלויז די קינדער וואס ווילען געהן מיט'ן פאָלק ביז צו דער לעצטער קאמפּפשטונדע און שטויסט צוריק מיט פעראַכטונג די יעניגע אזוי גענאַנטע אידען, וואס גלויבען נאך עד היום ניט אינ'ם פאָלק. דאס פאָלק פיהלט זיין מאכט און איז בערייט אויף גרויסע טהאַטען, אויף גרויסע קרבנות. דאס פאָלק וויל, אז אלע זיינע קינדער זאָלען יעצט אין פעראייניגטע און ארגאניזירטע רייהען אויסקעמפּפען זיין לעצטען קאמפּף פאר פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיגקייט.

פון פאר א יאהרען ביז היינט האט דאס אידישע פאָלק, און בעזונדערס דער אידישער ישוב אין אמעריקא אויסגעוואַקסען אויף יאהרהונדערטע. אין יעדער אידישער הויז ווערט יעצט געזאָגט וועגען דער לאגע פון אונזערע ברידער, אין יעדער אידיש הויז ווערט יעצט גערעדט וועגען א אידישען קאָנגרעס, וועגען דער שטימע פון'ם אידישען פאָלק, וועגען אידישע פאָדערונגען און אידישע האָפנונגען.

אויך מיר דא אין קענעדע האבען אין דיזען יאהר זיך געשאַפען אונזער פאָלקס ארגאניזאַציע דעם פאָלקס פערבאנד פון קענעדער אידען. אויך מיר דא האבען בעגריפען די אויפגאבען, וואס זענען אויף אונז געפאַלען. אונטער דער פאָהן פון דעם פאָלקס פערבאנד זיינען יעצט ארגאניזירט מעהר אלס פערציג טויזענד אידען אין גאנץ קענעדע. אונטער אונזער פאָהן זיינען פעראייניגט אלע פּאַרטייען און קלאסען, די לינקסטע און רעכטסטע, שוהלען און פּאָליטישע פעראיינען. דאס פאָלק אלס גאנצעס וועט האבען א מעגליכקייט דורך זיינע פערטרעטער ערוועהלט פון איהם גופא, צו דער קענעדער אידישער קאָנווענשאָן ארויסזאָגען זיינע פאָדערונגען. אלס אידען, אלס קענעדער בירגער, אלס ענגלישע אונטערטהאַנען וועלען מיר קעמפּפען פאר אונזערע פאָדערונגען. מיר וועלען אויסנוטצען אונזער איינפלוס און אונזער מאכט דא אין לאנד אויף אונזער רעגירונג. מיר וועלען זיך פעראייניגען מיט אונזערע ברידער אין ענגלאנד אין זייערע פאָדערונגען וואס זיי וועלען שטעלען צו דער ענגלישער גרויסמאכט. צוזאַמען מיט אונזערע ברידער אין די פעראייניגטע שטאַאטען און אין אנדערע טהיילען פון אמעריקא וועלען מיר פון דער טריבונע פון א אידישען קאָנגרעס לאָזען הערען די שטימע פון'ם פעראייניגטען אמעריקאנער יודענטהום. צו דעם אלעמען דארף אונז די קענעדער אידישע קאָנווענשאָן (וועלכע איז בעשטימט אויף דעם 18-טען נאָוועמבער) פארבערייטען.

מיר פיהלען, אז מיר האבען אין פערלויף פון פערגאנגענעם יאהר געטהאן אלעס וואס אין אונזערע כוחות איז געווען אויף דעם געביט פון פעראייניגונג און ארגאניזירען דאס קענעדער יודענטהום.

דאס קענעדער יודענטהום האט זיך אויך ברידערליך אבגערופען אויף דעם הילפסרוף פאר אונזערע ליידענדע ברידער פון יענער זייט ים, כמעט אלע אידישע שטעדט און שטעדטליך אין קענעדע האבען אין פערלויף פון יאהר געשיקט זייערע בייטראגע צום רעליעף־פאָנד אין ניו־יאָרק.

שטאָלץ און מוטהיג האט זיך דאס יודענטהום אבגערופען אויף אלע שלעק פון'ם אלטען יאהר. אבער ביז יעצט זיינען נור געווען פארבערייטעט צו ארבייט, די ארבייט גופא קומט מיט'ן נייעם יאהר.

און אין דעם זין בעגריסען מיר זיך און אייך אלעמען צום נייעם יאהר. עס איז פאר דאס יאהר פון קאמפּף, פון אונאויפהעריליכער פאָלקס ארבייט און פון נאציאָנאלע קרבנות!

שוועסטער און ברידער!

צו נייעם יאהר רופען מיר אייך צו: ערפילען אייערע פליכטען צו אייער פאָלק, צו בעגרייפען, אז איהר לעבט יעצט אין א צייט, ווען יעדער איינציגער פון אייך קען און זאָל עפּעס אויפטהון פאר דער רעטונג פון'ם פאָלק.

מיר רופען אייך צו שטעלען זיך דורך אייערע ארגאניזאַציעס אונטער דער פאָהן פון'ם פאָלקספערבאנד. מיר רופען אייך צו ארבייטען מיט אונז צוזאַמען פאר דער פעראייניגונג און ארגאניזירונג פון'ם גאנצען קענעדער אידענטהום.

מיר רופען אייך צו דער אידישער קאָנווענשאָן צום אמעריקאנער אידישען קאָנגרעס. מיר רופען אייך צו ארבייט, צו קאמפּף, צו פאָדערען רעכטס און נעהמען רעכט, — מיט איינעם וואָרט, מיר רופען אייך אלעמען צו דעם, צו וואס עס רופט אונז דער גורל פון אונזער פאָלק.

דאס אלטע יאהר האט איבערגעגעבען דעם גורל פון אונזער פאָלק אין אונזערע הענד. דאס נייע יאהר וועט צייגען ווי מיר האבען פערשטאַנען אונזער פליכט, ווי מיר האבען אונזערע אויפגאבען ערפילט.

דאס נייע יאהר איז א פרוב־יאהר פאר אונז. עס ווילט זיך אבער גלויבען, אז אינ'ם גרויסען מאָמענט וועלען מיר אלע גרויס זיין, אז מיר אלע וועלען ווי העלדען קעמפּפען פאר ליכטיגערע, בעסערע צייטען פאר אונזער פאָלק.

אין דיזען גלויבען און אין דיזער האָפנונג בעגריסט אייך צום נייעם יאהר דער פאָלקס פערבאנד פון קענעדער אידען.

און אין זיין נאָמען:

ראובן ברייניין, פּרעזידענט.
יהודה קויפמאַן, סעקרעטער.

Old Dutch Cleanser
Old Dutch Cleanser
Chases Dirt
MAKES EVERYTHING "SPICK AND SPAN"

געמאָלענע ווענט
נעהמט קיין צייט צום קלינען ווען איהר געברויכט
א גרויסע שיפּטער קען מיט אנווייזונגען ווי אזוי צו געברויכען 10 סענט

די ראָלע פון דער קליינער שווייץ אין דער יעצטיגער מלחמה

די קליינע רעפּובליק שווייצאַריע געפינט זיך זייט דעם אנפאנג פון דעם קריעג אין א זעהר אונאנגענעהמער לאגע און זי האט אויף דורך דיזער צייט געמוזט זעהר פאָרזיכטיג לייזען שווערע פּראָבלעמען, וואס זיינען צוליעב דער מלחמה ענטשטאַנען. נאכדעם ווי איטאַליען האט זיך אויך אריינגעוואָרפען אין בלוטיגען קריעג איז דער בלוטיגער רינג ארום שווייצאַריען געוואָרען פערפאָלקאָמט, און איצט איז די פרידליכע שווייץ דער פריעדענס אינזעל אין מיטען פון א גיהנום פייער, און איהר לאגע איז נאך קריטישער געוואָרען.

עסטרייך, איטאַליען, פראַנקרייך און דייטשלאנד, וועלכע פיהרען מלחמה צווישען זיך, רינגלען איהר ארום פון אלע זייטען, און די שווייץ איז דעריבער געבליבען אבגעשניטען פון דער גאנצער וועלט און זי האט אפילו ניט קיין צוטריט צו א ים האפען. דאס מאכט איהר לאגע זעהר קריטיש, ווייל זי קען פון ערגעץ ניט בעקומען קיין עסענוואַרג פאר איהרע איינוואוינער און איז אנגעוויזען אויף איהרע איינענע קוועלען, און צווייטענס מוז זי אויפרעכטהאלטען די נייטראַליטעט אין א צייט ווען איהר בעפעלקערונג איז צוזאַמענגעמישט פון איטאַליענער, פראַנצויזען און דייטשען.

די נייטראַליטעט פון דער שווייץ איז אנערקענט געוואָרען פון די אינטערנאַציאָנאלע טריטים זייט 1815, אבער איהר טראַדיציאָנעלע נייטראַליטעט איז פיעל עלטער. מיט צוויי יאהרהונדערטע פריהער האט די שווייץ אויפגעהערט אלס נאַציאָן צו נעהמען א צד מיט איינע פון די מלחמה פיהרענדע פעלקער, אבער פיעלע מאָהל האט זיך געטראָפען אז דאס לאנד איז ווידער געקומען אונטער פרעמדען איינפלוס און פערלירען איהר נייטראַליטעט. דאס איז געשעהן אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָן דעם גרויסען און אין 1813 ווען נאַפּאָלעאָן איז בעזיעגט געוואָרען, האבען די אייראָפּעאישע מעכטע געפאָדערט, אז די שווייץ זאָל ארגאניזירען אן ארמיי פון 30 טויזענד מאַן, מיט וועלכער זי זאָל קענען אבהיטען די נייטראַליטעט פון איהר טעריטאָריע. זייט דאַמאָלס איז די נייטראַליטעט פון דער שווייץ נאך בעוואהרט געוואָרען פון קיין איינציגער מאכט.

די פערטהיידיגונגס משא, וואס איז דאַמאָלס ארויפגעלעגט געוואָרען אויף די שווייץ איז ניט קיין גרינגע, ווייל די רעפּובליק האט אין גאנצען פיער מיליאָן נפשות. פיעל אין דיזער הינזיכט האט אבער די נאַטור איהר געהאָלפען. די שווייץ ליגט אויף דעם העכסטען ארט אין אייראָפּא, צווישען די אַלפּען בערג וועלכע דערגרייכען די הויך פון 10 ביז 15 טויזענד פוס איבער דעם מעער שפּיגעל, און דאס גיבט דער שווייץ א גוטע פערטהיידיגונגס ליניע אויף דריי זייטען אבער אין צפון זייט, צו דער זייט פון דייטשלאנד, איז די שווייץ פלאַכעס לאנד, פון באַזעל ביז צו דער קאָנסטאַנטין אזערע וועלכעס איז אויסגעזעצט דער געפאַהר פון אן אנגריעף.

דיזער שטיק צפון לאנד פון דער שווייץ איז שוין פיעלע מאָל אויסגענוצט געוואָרען פון די ארמייען אין אייראָפּא

פארזעצונג אויף זייטע 3

23 ריינע
מילך טיקעטס
$1.00

די בעסטע מילך וועט אייך ניט קאָסטען מעהר ווי דיא וואס איהר געברויכט יעצט.

פארמערס דיירי מילך קומט פון אונזערע שעהר האָלדערס פון דער קאָמפּאַני. עס קומט פון עקספּערט דיירי פארמערס וועלכע האבען געליפערט יאהרען לאַנג צו דער פּראָדוציאָן נור פון די בעסטע מילך.

THE FARMERS' DAIRY

ריין
פריש
געזונד
פּאַסטיורעזירט

פארמערס דיירי מילך שטעהט אם העכסטען אין טעסט עס קען ניט אנדערש זיין ווי ריין דורך אונזער בעאָבאַכטונג אויך עס צו מאכען זיכערער ווערט עס צווייפאַכיג פּאַסטאָריזירט און דיא פּרייז איז די זעלבע ווי געוועהנליכע מילך.

—טרייעט—

טעלעפאָן
עדעלייד 400

GILLETT'S
LYE
GILLETT'S
LYE

פארטזעצונג פון פײדזש 2

אין צייט פון מלחמה, און אין די יאהרען פון 1663 ביז 1710 זיינען וועניגסטענס זיעבען מיליטערישע עקספעדיציעס דארט ארום דורכגעגאנגען איגנארירענדיג די נייטראליטעט פון די דארטיגע איינוואהנער זייט 1815 האט דיא שווייץ אין דיעזער פלאבער געגענד אויפגעהאלטען א גרויסען טהייל פון איהר ארמעע, ספעציעל אין איצטיגער מלחמה, ווען די דייטשען און די פראנצויזען האבען חשק אויסצונוצען דיעזעס געביעט פאר א בעוועגונג ארומצוגעהן איינער דעם אנדערענס פליגלען.

די רעגירונג פון דער שווייץ האט איצט שטארק בעפעסטיגט די דורכגענגע פון די בערג און אוועקגעשטעלט גרויסע קאנאנען אויף די הויכע בערג, וועלכע בעהערשען די וועגען ארום. ביים דרום גרעניץ שטעהען די שווייצארישע סאלדאטען עטליכע יארדס אבגעטראטען פון דעם ארט וואו די עסטרייכער און די איטאליענישע ארמייען שלאגען זיך פאר דעם סטעלוויא דורכגאנג, צעהן טויזענד פוס הויך. אויף'ן פראנצויזישען זייט פון דער שווייץ איז די לאגע אויך זעהר ניט גינסטיג, ווייל די אזוערעס ציהען זיך פון פראנקרייך טיעף אריין אין די שווייץ און זי מוז אויך דארט שטארק אבהיטען איהר נייטראליטעט.

זייט דעם אנפאנג פון דער איירָאפּעאישער מלחמה האלט די שווייץ איהר גאנצע ארמײ מאבוליזירט אויף אלע גרעניצען און דאס קאסט איהר אב א שלל מיט געלד.

זי האט זיך זייט דער מלחמה פערשולדיגט אויף קנאפע 16 מיליאן פראנק.

די נייטראליטעט אין בעצוג צו די מלחמה פיהרענדע פעלקער ווערט שטרענג אבגעהיט. און קיינע סאלדאטען פון די מלחמה ארמייען ווערען דורכגעלאזט, און זי האט אויך פערבאטען צו פערקויפען קאנאנען און ביקסען צו די פיינדליכע ארמייען, טראצדעם וואס אין אנדערע נייטראלע לענדער פון איירָאפּא איז דאס ערלויבט. אנדערע זאכען, אויסער אמוניציאן לאזט די רעגירונג יא ארויספיהרען אין די מלחמה לענדער.

איינע פון די שווערסטע פראבלעמען פאר די שווייץ איז דאס דורכפיהרען פון סחורה פון איין לאנד אין א צווייטע, אבער דאס איז איצט געלייזט געווארען דורך איטאליענס אריינטריט אין דיא מלחמה. פריהער האט מען פון איטאליען געשיקט פערשיעדענע מלחמה קאנטראבאנד איבער די שווייץ נאך דייטשלאנד, אבער איצט האט דאס אבגעשטאפט.

די וויכטיגסטע פראגע פאר דער שווייץ איז די שפייז פראגע. אין לאנד וואקסט ניט גענוג אויף אויסצוהאלטען די בעפעלקערונג און זי איז אבהענגיג אין דעם גרעסטען ווילען פון די פיינדליכע לענדער ארום איהר. אין דער שווייץ איז אויך ניטא אפילו איין קוילען מינע אדער אייזען מינען און קאטאן און וואל מוזען אויך אימפארטירט ווערען פאר איהרע פאבריקען. לעצטענס האט די רעגירונג גע־פועלט, ביי איטאליען דורכלאזען פערשיעדענע סחורה פון מיטעלענדישען ים.

די שווייץ איז אין געפאהר צו ליידען פאר די שטארקע פאטריאטיזמוס וואס איהר פאלק ציינט ארויס צו די פערשיעדענע מלחמה פעלקער. די דייטשע און פראנצויזישע צייטונגען זיינען אויסגעשפראכען אויף דער זייט פון זייערע קרובים און עס העלפט ניט אפילו דאס ווארנען פון דער רעגירונג.

די שווייצארישע רעפובליק ערפילט אויך אין דערזעלבער צייט איינע פון די בעסטע און נאבעלסטע אויפגאבען פון א לאנד. זי איז איצט דער עיר מקלט פאר טויזענדער אנטלאפענע און זי האט אויך ארויסגעוויזען פיעל רחמנות און גוטהערציגקייט צו דיעזע אומגליקליכע. דיא שטאדט געמיינדע פון ציריך גופא האט מנדב געווען 30 טויזענד דאלאר א מאנאט צו העלפען די פערוואגעלטע פון צפון פראנקרייך אויף זייער וועג נאך דרום פראנקרייך.

טראצדעם וואס די שווייצארישע בעפעלקערונג איז צוזאמענגעמישט פון איטאליענער, פראנצויזען און דייטשען, איז ניט קיין געפאהר, אז דאס לאנד זאל אריינגעשלעפט ווערען אין דיעזער קריעג, און טראץ דער פערשיעדענהייט אין זייער אבשטאמונג, זיינען זיי אלע ווי איין מאן גרייט צו פערטהיידיגען זייער לאנד געגען אן אנפאל. די מיליטערישע ארגאניזאציאן פון דער שווייץ האט ארויסגערופען בעוואונדערונג און רעספעקט ביי די איירָאפּעאישע נאציאנען.

די פערטהיידיגונגס ארמײ פון דער שווייץ איז ארגאניזירט אויף דעם מיליץ סיסטעם. אלע פיזיש פעהיגע מענער זיינען מיליטער פליכטיג, און די יעניגע וואס ווערען אויסגעשלאסען פון מיליטער דיענסט איבער זייערע פיזישע אונפעהיגקייט מוזען צאהלען א געוויסען טעקס. א יעדער מאן ווען ער ווערט 20 יאהר אלט ווערט גערופען אין די רעקרוטען סקוהל וואו ער ווערט געלעהרענט תכסיסי מלחמה פאר צוויי מאנאטען צייט.

דורך די שפעטערע אכט יאהר ווערט יעדער בירגער איינבערופען אויף עלף טעג איבערצוחזר'ן די מיליטערישע תורה און נאך דיעזע אכט יאהר איז דער בירגער בעפרייט פון די מיליטערישע איבונגען. דאס הייסט אבער ניט אז דער בירגער איז גענצליך בעפרייט פון מיליטערישען דיענסט, ער בעלאנגט נאך די אכט יאהר צום לאנדוועהר און צום לאנדשטורם ביז צום 48טען יאהר, און אין נויט ווערט ער גערופען אפילו ווען ער איז עלטער.

די גימנאסטישע איבונגען ווערען נאך אנגעפאנגען אין פאבליק סקוהל און יעדער פערזוך ווערט געמאכט צו ענטוויקלען פון יעדען איינצעל א שטארקען מאן. דורך דער צייט וואס א בירגער בעלאנגט צו דער מיליץ מוז ער פראקטיצירען צו א געוויסען מאס, און די רעגירונג ערמוטיגט אויף דאס גרינדען פון פערשיעדענע קלאבס פאר שיסען יעדער בירגער האט ביי זיך אין דער היים זיינע וואפען, מיט וועלכע ער דארף קומען אויסגערייכטעט ווען מען רופט איהם.

דורך דער קורצער צייט פון דריי מאנאטען אקטיווען דיענסט אין דער ארמעע איז די מיליטערישע לאסט פיעל פערגרינגערט, און עס קען זיך אויך דערפאר ניט ענטוויקלען אין לאנד קיין ספעציעלע מיליטעריסטישע פארטיי. די פראפעסיאנעלע אפיציערען זיינען אויך וועניג אין צאהל. ד שווייץ קען מאבילייזירען צוויי הונדערט טויזענד מאן פאר אקטיווען דיענסט אין מלחמה און 60 טויזענד לאנד שטורם סאלדאטען.

די נייטראליטעט פון דער שווייץ איז בעגרינדעט מיט די טראדיציאנעלע זעקס הונדערט יעהריגע אונאבהענגיגקייט און איינהונדערט יעהריגע פרייהייט וואס איז אנערקענט געווארען פון די גרויסע איירָאפּעאישע מעכטע און וועלכע די שווייץ האט פערטהיידיגט מיט איהר גוט ארגאניזירטער פאלקס ארמײ.

ווער קען פערשטעהן איהר אומגליק

זיץ איך מיר אזוי אין טראמוואי און איך פאהר קיין רודא — דאס אלטע בעוואוסטע זומער פלאץ ביי לאדז.

זיצט נעבען מיר א דאמעלע אנגעטהאן אין דער מאדע פון פאר א יאהריגען סטייל (ניטא נעבאך איצט קיין מאדע אין לאדז...) מיט א בוקעט בלומען אין דער האנד און זיפצט.

טראכט איך מיר: א דאמעלע מיט א בוקעט בלומען אין דער האנד און זיפצט — דא מוז געווים זיין א גרויסער צער, א וועלט צער, דער וועלט־שמערץ אליין. עס איז אודאי דער צער, וואס דער "הויז־פריינד" איז עפעס נעבעך ניט געקומען אין דער אבגערעדטער שעה, אדער נאר דערפון, וואס דער מאן האט אהיים קומענדיג אין אבענד פערגעסען מיטצוברענגען איהר טשאקאלאד אדער אפשר נאר האט זי געתענה'ט — נאר האט זי געזעהען אן אנדערע פרוי טראגען א שעהנערע בלוזע, שעהנערע הוט, א שעהנערע קלייד.

ברעכט מיר דאס הארץ אויף צוויי און איך זאג צו איהר:

— ענטשולדיגען זי — יך האב געהערט ווי זי זיפצען... אזא יונגע דאמע זאל זיפצען איז ווירקליך א מיטלייד.

קוקט זיך מיך אזוי מילד אן און דאס קליינע מיילכעל שנירעלט זיך און עפענט זיך קוים און זי זאגט צו מיר:

— וואס מיינען זי, עס איז ווירקליך א מיטלייד, דאס גרעסטע אומגליק האט איצט מיך געטראפען, אוי וועה איז מיר!

— טראכט איך מיר שוין, נו, דא איז שוין געווים א מלחמה טראגעדיע, מען טאר ניט לאכען, זי איז געווים א פרוי פון א זאפאסנעם, דער מאן איז אויף'ן מלחמה פלאץ, אדער עפעס אן אנדער אומגליק, א טראגעדיע.

קוק איך איהר שוין גלייך אין פנים און ווארט.

נאך עס געדויערט ניט לאנג און זי אליין ווערט רעדעוודיג:

— וואס זאל איך אייך זאגען — האט זי אנגעהויבען — עס איז א שווער לעבען א ביטער לעבען..

אמאליגע יאהרען האט יעדער געהאט זיין פלאץ, זיין ארט אין דער געזעלשאפט, עס איז געקומען זומער — זיינען די רייכע געפאהרען קיין אויסלאנד, די מיטעלע — די אנגעשטעלטע — זיי־

(פארטזעצונג אויף פײדזש 4.)

Real Estate
ריעל עסטייט

פלעט צו פערענטען מיט עלעקטריק און אלע קאנוויניענס פאר איין אנשטענדיגע פאמיליע. פרעגען 93 מיקאל סט. 3585—9—19)

פאר $15 צו פערענטען פאר א פאסענדער פאמיליע 8 גרויסע רומס, אלע קאנוויניענס 43 און 45 לעאנארד עוועניו ווי אויך א גרויסען סטאר מיט פליים גלאז ווינדאו פאסענד פאר א לייכטע ווארקשאפ מיט 7 רומס צו וואהנען. אלע קאנוויניענס. שליסלאין ע 49. טעלעפאן ביעטש 1213 אדער אין גוראפסקים אפיס 113 קווין סטריט וועסט. 3619—9—24

צו פערענטען א אכט רומיג הויז סקווער פלאן, הארדוואוד פלאארס, גאראזש, אלע לעצטע אימפרואוומענטס, דאנדעעס און סיינט העלענס, רענט $22.00. נאכפרעגען מאקס נאלף 224 א האלב סימקאו סטריט טעל. מיין 3015 3675—26—9

א שעהנער פלעט פון 4 רומס אויף מייזשאר סטריט. ביליג. אויך א פארנישד רום. פרעגען ניסענעוויץ. 37 מייזשאר סט 3680—21

צו פערקויפען א פארם פון 100 אקער גוטע דארפישע פאסט ווייער פענס, פריים הויז און בארן און אנדערע געביידעס. $6500.

צוויי טויזענד קעש און דאס איבריגע א מארטגיידזש און ריעל עסטייט. פרעגען אין 115 אקספארד סטריט. 3623—9—14

צו פערענטען 671 קווין סטריט וועסט נעקסט פון באטהורסט א סטאר מיט א וואהנונג מיט א סטייבעהל און אלע קאנוויניענס פאר 25 דאלאר א מאנאט. נאכפרעגען וויינבערג אין אידישען זשורנאל אפיס.

צו פערקויפען 4 רומס פארניטשור, 39 אקספארד סטריט. 3665—23—9

א הויז צו פערענטען אלע קאנוועניענס 110 מארקהעם סטריט ביליג רענט. פרעגען 64 קענזינגטאן עוועניו. 21—9—3682

צו פערקויפען א היי קלאסס קאסטאם טיילארינג מיט א גוטען קאנעקשאן פון קלינינג און פרעסינג. מוז פערקויפט ווערען איבער קראנקהייט. גיט אונז אן אפפער. 3678—27—9

צו פערקויפען פיקטשורס, שעלווס, דעסק פון א שוה סטאר. אורזאכע מיר מופען. 545 קווין סטריט וועסט. 3658—18—9

ענגעס אפארטמענטס צו פערענטען מיט אלע קאנוועניענס ניי דעקארייטעט. פרעגען מר. דייוויס 212 סימקא סטריט. ביליג רענט. 3676—19—9

צו פערענטען א הויז מיט 10 רומס סטים היט, אלע קאנוועניענס, לטייבעל שעהנסטע הויז אין 102 דארסי סטריט נאכפרעגען 244 סימקא סטריט מר. פערעלמאן ביליג רענט. טעל. אדעל. 2565 3656—23—9

פארם צו פערקויפען

אדער אומצובייטען אויף גוטע שטאדטישע פראפערטי.

דער קויפער מוז האבען א ביסעל קעש גוטע בעדינגונגען און לייכטע איינצאהלונג די פארם פערמאגט 200 אקער לאנד 75 ריינע. א גוטער וואלד און אלע נויטיגע געביידעס.

4 פערד, דריי קיה, 2 קעלבלאך, אויך די גאנצע תבואה פונ'ם זומער און פיעלע אימפלעמענטס. א גוטע געלעגענהייט פאר דעם וואס וויל פיהרען א פארם לעבען.

נאכפרעגען דזשיי גרענער 22 בעלוויאו עוו. טעלעפאן קאלעדזש 6463. 3688—9—19

בעקאנטמאכונג

דער בעוואוסטער בלומער מייקער (באים פענטס מייקער) יעקב לאבעק מאכט בעקאנט, דאס ער האט געמופט פון 3 קלינטאן פליים צו 30 פוללער פליים, ניער קווין וואו איך בין אימשטאנדע אויס צופילען עצט יעדען ארדער, פונקטליך און ריכטיג צו יעדער צייט.

איך ווינטש אלע אידען א כתיבה וחתימה טובה. 3653—9—17

צו די רעגס פעדלער פון טאראנטא !

איך האב אויפגעעפענט א שאפ פאר מיר אליין פון די אלטע רעקלעך 81 סענטער עוועניו און איך צאהל 4 סענט א פונט פאר רעקלעך און אבערקאוטס און איך האף אז אלע פעדלערס וועלען מיר ברענגען די דערמאהנטע זאכען און איך פון מיין זייט וועל זיי צופריעדען שטעלען.

מיט אכטונג
פעט. סיבעלמאן

אויב אדאלף בווים וועט קאמוניקירען מיט מיר וועט ער געוואר ווערען עטוואס פאר זיין איינגענעם בענעפיט. באקס 392. 3685—21—9

מיסטער דאוזי. ראזענבערג וואס האט געוואוינט אין סט. אורביין סטריט מאנטרעאל, קוויבעק, איין קלאוק מאנופאקטשורער, פערלאנגט אייער אדרעס וועגען ביזנעס ישרייבען. פאסט אפיס באקס 271 סטיישאן בי מאנטרעאל 3686—9—20

ארבייטער פערלאנגט

פארס צו ביליגע פרייזען ביי ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

פערלאנגט

— ביי —

THE T. EATON Co. LIMITED

עקספיריענסד אפרייטארס פיר ליידיעס קלאוקס און סקירטס.

עקספיריענסד אפרייטארס פיר פענטס.

עקספיריענסד אפרייטארס פיר מענער קאוטס.

אנפרעגען:

פעקטארי עמפלאימענט אפפיס, 16 לואיזא סטריט.

פערלאנגט עקספיריענסד אפרייטארס צו סקוירט און דרעסעס. נאכפרעגען די דזשונאיר און מיסעס קאסמאם קאמפאניע 217 ריטשמאנד סטריט וועסט. 3617—9—17

אן עקספיריענסד בוכהאלטער וועלכער וויל שרייבען אין די ביכער אויף דער שטונדע פערלאנגט ארבייט. פרעגען 19 סיינט פעטריק סטריט. 3629—20—9

פערלאנגט גוטע קענוועסערס, קענען מאכען פון 3 דאלאר ביז 4 דאלאר א טאג. פרעגען זונטאג א גאנצען טאג און נאך 6 אוהר יעדען טאג. פרעגען 142 ד'ארסי סטריט. 3622—9—19

פערלאנגט איין פרוי אדער א מיידעל צו הויז ארבייט פון 10 ביז 12 דאלאר א מאנאט מיט איין סעפערעט רום און באארד. גאדמאן 382 פארלאמענט סט. 3681—9—21

פערלאנגט א גוטען שוסטער ארבייטער ספעשעל פאר סעקאנד הענד שיך שבת ניט ארבייטען. נאכפרעגען ביי י. קאסירער, 24 דאלהויסע סטריט. בראנטפארד אנט. 3664—19—9

פערלאנגט א אידישע קעכין און א פוילישע מיידעל אין 70 האמוואוד עוועניו. 3627—20—9

פערלאנגט האנד נייערס אויף און עקזאמענער אין מיליטערישע ארבייט נאכפרעגען 62 דזשאן סטריט. 3671—9—20

פערלאנגט אפערייטארס אויף מיליטערישע קעפּס גוטע ווייזשעס פרעגען 72א פעמברוק סטריט. 3674—9—21

פערלאנגט א פרעסער אונד שניידער מוז קענען פרעסען אויף א סטים מאשין. ווייט אונד סאנס, קווין וועסט 177. 3647—9—17

פערלאנגט א קאטער ביי קעפּס גוטע וויידזשעס סטעדי פאזישאן. נאכפרעגען 72א פעמברוקס סטריט. 3674—9—21

פערלאנגט איין פארטנער.

מיט 3 אדער 4 טויזענד דאלאר אין איין גוט מאנופאקטשורינג גייענד געשעפט קען מאכען גוטע געלט איהר קענט דאס גוט איבער זוכען און פרעגען אין אידישען זשורנאל, באקס 502. 3632—9—19

אפרייטאר און פינישערס פיר פענטס פערלאנגט. פרעגען 545 קינג וועסט. 21—9

פערלאנגט 25 יונגע לייט צו ארבייטען אין א גלאז פעקטארי אין וואלאסבערג אנטאריא 1.25 א טאג. נאכפרעגען:

DOMINION GLASS CO.
Phone Parkdale 5100

איהר דארפט קריגען א בריעף פון ה. דוואר קין בראר. בעפאר איהר וועט דעם דזשאב בעקומען.

שוין צום מופען פעראמט ניט די געלעגענהייט 6 רומס מיט סטים היט אלע קאנוועניענס. ניי אויפגעפיקסט. ביליג רענט פרעגען 42 וואלטאן סט. 3683—9—21

איבער צוגעבען א גוטע איינגעטרייטעטע גראסערי ענד דעליקאטעסען סטאר אין קווין סטריט וועסט גאראנטירט א לעבען צו מאכען אורזאכע שוועהר צו אטענדען. 187 קווין סט. וועסט 3646—21—9

א בארבאר שאפ פון צוויי טשיירס צו פערקויפען אין דעם בעסטען געגענד פון קווין סטריט מען קען דאס זייער ביליג קויפען נאכפרעגען 171 קווין סטריט וועסט. 3639—9—21

זיכערע ביזנעס א לעבען צו מאכען א גוטע איינגעטרייטעטע הארדוואר סטאר אין א גוטער קארנער, מוז פערקויפט ווערען איבער געוויסע אורזאכען. דער גרעסטער גליק פאר דעם וואס וועט דאס קויפען. ספעציעל איז דאס א גליק פאר א בלעכער אדער פלאמבער. נאכפרעגען מיין 4303 אדער ,אידישער זשורנאל" באקס 310 —9—18)

פראפעסאר גלאז. גרינדער פונ'ם אידישען קינדער בענד האט בעשלאסען צו פערגרעסערען זיין בענד אויף נאך 15 אידישע קינדער. קיין רעקלאמעס זענען ניט נויטיג, ווער האט ניט געהערט און ווער ווייסט ניט פון פראפעסאר גלאז'ס קינדער בענד?

עלטערען פון קינדער בעטעט זיך מיט דיזער גאלדענער געלעגענהייט. קינדער ווערען אנגענומען פון 12 יאהר אלט. זיך מעלדען צו פראפעסאר גלאז אין 206 אגוסטא עוועניו פון 6 ביז 9 אווענדס חוץ פרייטאג. 3631—9—20

פערלאנגט פינישערס צו מענער ארבייט נאכפרעגען זונטאג פריה 217 ריטשמאנד סטריט, וועסט. 3687—9—19

פערלאנגט א באי אדער מיידעל, מוז פערשטעהן בוקקיפינג און זיין א סטענאגראפער פאר א פייער אינשורענס קאמפאני מוז קענען ענגליש גרינדליך. מעלדען זיך שריפטליך פייער אינשורענס פאסט אפיס באקס 724 טאראנטא 3668—17

אפרייטארס און פינישערינס פערלאנגט 545 קינג וועסט, סעקאנד פלאר. 3667—9—19

פערלאנגט אן אם אדער צוזויגערין פאר א קליין קינד עס אנצוזויגען עטליכע מאל אין טאג.

גוטע בעצאהלט אויב די ריכטיגע פערזאן וועט זיך מעלדען. נאכפרעגען 181 באלדווין סטריט. 3680 -20—9

אויף א ברית מילה ביי שאפעע קריגער איז קאלעקטעט געווארען $3.00 פיר דיא מלחמה ליידענדע מר. שטיינבערג פון הערריסטאן אנט. האט געגעבען $2.00 פיר איבער געבען די געלד צו מר. וויינבערג דעם טרעזשורער פון קאנפערענץ.

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אוידזשענסי אדער סאב אוידזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל אוידזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווייניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויף'ן זעלבען פלאץ

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטעדער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף'ן פלאץ און יעדע זעקס יאהר וועט די האמסטעד געהן אריין אין קראפט (שוין ארויסרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אויסגעפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטען צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 5 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען אין יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויפבילדען א הויז אין ווערטה פון $300.

ו. ו. קארי.
דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.
— 87085

עקספרעסען און שווערע וועגענס ווי אויך פוירסט קלעס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות.
האלגריוום ליווערי 11 גרענדזש עוו.
פאן קאלעדזש 4953.

די שעהנע רבקה

אן אריגינעלער און שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישען לעבען
אין רוסלאנד און קענעדע

געשריבען פאר'ן "אידישען זשורנאל"

פון ב. באראץ

(99־טע פארטזעצונג)

בעני האט אנגעשטעלט זיינע אויגען אויף'ן פאטער, און האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט, איהם האט זיך פאר קיין פאל ניט געוואלט גלויבען אז זיין פאטערס לעצטע פראגע האט עטוואס צו טהאן מיט זיין ערצעהלונג.

אבער צו וואס פאפא, דארפסטו זיך אויפרעגען צוליעב אזעלכע נארישקייטען? דו האסט דאך מיר אנגעפאנגען צו דערצעהלען א גאנץ אנדער זאך. ענדיג עס.

דו ביזט גערעכט מיין זוהן האט אראלף געזאגט מיט א געבראכענער שטימע. איך האט דיר אנגעפאנגען צו דערצעהלען א זעהר אינטערעסאנטע געשיכטע.

אלזא, איך האב ריכטיג געהאנדעלט ווי עס קומט אויס נאך דיין מיינונג. איך ווייס ניט וואס מיין געדאנק איז דאן געווען, אויב א פרוי האט די זעלבע רעכט ווי דער מאן אדער צו האט אין אלגעמיין א מאן דאס רעכט צו פיהרען אן אויסגעלאסענעם לעבען פאר אדער נאך דער חתונה. איך האב וועגען דיעזע אלע זאכען זאגאר ניט געטראכט, נאר איך האב איהר פאטער גלייך געענטפערט אז דאס קימערט מיך ניט, נאכמעהר איך האב איהם אפילו ניט ערלויבט צו דערצעהלען מיר אלע איינצעלהייטען פון דעם ווי אזוי זי איז רואינירט געווארען. איך האב איהם ערקלעהרט אז איך ווייס ווי אזוי די רוסישע חוליגאנעס בענעהמען זיך מיט די אידען און מיט אידישע טעכטער.

פאר בעני'ן האבען אראלפס לעצטע ווערטער געקלונגען ווי עטוואס אונפערשטענדליכעס. ער האט ניט געוואוסט וואס עס הייסט רוסישע חוליגאנעס און אזוי ווייטער.

איך זעה האט אראלף פארטגעזעצט. אז דו ווייסט ניט וואס איך רייד אבער דאס איז דערפאר וואס דו ביזט דערמיט ניט בעקאנט, אום דיר אלעס צו דערצעהלען וואלט גענומען זעהר פיעל צייט, איך וויל דיר אבער בלויז זאגען אז עס איז דא א לאנד וועלכעס הייסט רוסלאנד, וואו זעקס מיליאן אידען ווערען געפלאגט און געפייניגט אהן א פארוואס, זיי ווערען פאגראמירט. אידישע טעכטער ווערען געשענדעט פון שכורע חוליגאנעס פאר די אויגען פון זייערע עלטערען, איך האב פיעל וועגען דעם געהערט און געלעזען, איך האב דעריבער זיכער געדענקט אז זי איז אויך געווען א קרבן פון דער רוסישער חוליגאנסטווא.

הערענדיג אז איך בין איינשטימיג מיט איהר צו הייראטען, האט איהר פאטער מיר געגעבען זיין ברכה, און האט מיר נאך צוגעזאגט צו העלפען מיר דערגרייכען מיין ציעל.

בעקומענדיג די צושטימונג פון איהר פאטער האב איך זיך בעשלאסען צו רעדען מיט איהר אליין. עס איז מיר ניט אנגעקומען גאנץ גרינג ביז איך האב זיך צו איהר ערקלעהרט. אין ליעבע און ווען איך האב ענדליך זיך ערקלעהרט אין ליעבען צו איהר האט זי ניט לאנג געטראכט און האט מיר ענטזאגט.

איך האב זיך געפיהלט שטארק געקרענקט און צובראכען פון איהר ענטפער אבער איך האב קיין מוטה ניט פערלאהרען איך האב פערשטאנען אז איהר ענטזאגונג קומט דערפון וואס זי וויל ניט הייראטען דערפאר וואס זי איז א רואינירטע. איך האב דעריבער ניט פערלוירען קיין צייט און האב איהר ערקלעהרט אז איך ווייס אלעס פון איהר פערגאנגענהייט, און דאס איהר פאטער האט מיר דערצעהלט אלעס וועגען איהר.

אראלף איז געבליבען שטיל. ווייטער ריידען האט ער שוין ניט געקענט. זיין קול איז געווען שטארק הייזעריג. אין צימער איז געווארען שטארק טונקעל און בעני האט געוואלט מאכען ליכטיג. אבער אראלף האט איהם ניט געלאזט.

צו זיצען אין דער פינסטער האט אראלף געזאגט איז מיר פיעל אנגענעהמער איידער אין דער ליכטיגקייט, אין דער פינסטערניש פיהל איך זיך פיעל בעקוועמער.

בעני האט זיך גוט צוגעקוקט צו זיין פאטער און ער האט איהם אויסגעקוקט צו זיין עפעס אזוי געהיימניספאל. פונקט ווי ער וואלט עפעס געקומען פון אן אנדער וועלט און דאס ער זעהט איהם צום ערשטען מאהל.

'האט זי צוגעשטימט מיט דיר צו הייראטען? האט בעני איבערגעריסען די שטילקייט.

'געווים! האט אראלף געענטפערט און זיין שטימע האט געקלונגען ווי פון א קבר. מיר האבען געהייראטה און האבען געלעבט גליקליך ביז . . . איך האב זיך דערוואוסט פון דעם טעות וואס איך האב געמאכט.

בעני איז געזעסען מיט א פערלאפטען אטהעם. ער האט געפיהלט אז זיין פאטער קומט צום וויכטיגסטען טהייל פון זיין ערצעהלונג און ער איז געווען געשפאנט ביז צום העכסטען גראד.

איך האב אויסגעפונען, האט אראלף געזאגט מיט אן אראבגעלאזטען קאפ, אז איך האב זיך אבגענארט דערמיט וואס איך האב זיך ענטזאגט האן אויסצוהערען איהר ערצעהלונג וועגען דעם ווי אזוי זי איז זי איז פערפיהרט געווארען.

אראלף איז געזעסען אין זיין שטוהל. דעם קאפ פערבארגען אין ביידע הענט און האט שווער געאטהעמט.

בעני האט ווידער אמאל געוואלט מאכען ליכטיג אין צימער אבער אראלף האט איהם עס ניט געלאזען טהאן.

פאטער און זוהן זיינען געזעסען שטיל און האבען קיין ווארט ניט גערעדט. פון צייט צו צייט בלויז האט זיך א שווערער זיפץ ארויסגעריסען פון אראלפס ברוסט. ער האט מעהר קיין מוטה ניט געהאט צו ריידען. עס האט איהם שטארק פערקלעמט דאס הארץ און טרעהרען האבען איהם זיך געשטעלט אין די אויגען.

זאל עס זיין וואס עס וויל זיך!" איז אראלף'ען אריין א געדאנק אין קאפ. איך וועל איהם אלעס דערצעהלען. אונגליקליכער ווי איך בין קען איך שוין ניט זיין. איך האב אנגעפאנגען וועל איך שוין ענדיגען.

איך האב אויסגעפונען האט אראלף געזאגט מיט א גאנץ קלאהרער שטימע וועלכע האט געקלונגען גאנץ שטארק אין דער פינסטערניש אז זי איז ניט פערפיהרט געווארען, נאר זי האט געהאט א געליעבטען מיט וועלכען זי איז אנטלאפען פון איהרע עלטערען. ער האט איהר צוגעזאגט צו הייראטען. אבער ער האט עס ניט געטהאן. ער האט זי בלויז פערפיהרט, און ווען זי האט זיך ארומגעזעהען אין וואס פאר א זומפ זי איז אריין געלעפט געווארען האט זי איהם פערלאזען. אבער שוין ניט אליין, זי האט מיט זיך גענומען די פרוכט פון איהר אונגליקליכער ליעבע איהר ממזר...

בעני האט ניט געזעהען וואס זיין פאטער טהוט און ווי ער קוקט אויס. ער אליין האט אבער געפיהלט אז עס שלאגט איהם א טויט חלשות אונטער הארצען. ער האט זיך אנגענומען מיט מוטה און איז צוגעקראכען צום וואנט. א דריק טהוענדיג א קנאפ האט זיך די עלעקטריק אנגעצונדען און אין צימער איז ליכטיג געווארען. א קוק טהוענדיג אויף זיין פאטער האט בעני איהם דערזעהען אין א האלב ליגענדער פאזיציאן מיט צוגעמאכטע אויגען.

בעני איז צו איהם צוגעגאנגען און האט געזאגט האלב פארצענדיג.

מיינסטו מיר ניט צו דערצעהלען אז דאס אלעס האט פאסירט מיט מיין מוטער?

אראלף האט זיך ווי דערשראקען, און האט זיך אויפגעכאפט פון זיין פלאץ. ער האט א קוק געטהאן אויף בעניען וועלכער איז פאר איהם געשטאנען ווי א ריכטער און האט זיך פאר איהם דערשראקען. בענים אויגען זיינען געווען ווייט אפען ווי אויסגעגלאנצט און זיין גאנצער קערפער האט זיך געטרייסעלט ווי אין א פיבער.

יא, דאס איז דיין מוטער! האט אראלף געקרעכצט פאר די גאנצע צייט וואס מיר זיינען געווען פערהייראטה האב איך ניט געוואוסט דאס וואס איך ווייס יעצט. היינט האב איך זיך דערוואוסט דעם אמת וועגען איהר פערגאנגענהייט, און געטראפען האט עס דורך א צופאל. איך וואלט עס פיליכט ווייטער ניט געוואוסט. ווען זי וואלט היינט ניט געפונען איהר קינד איהר ממזר. דורך דעם צופאל בין איך אלעס געוואהר געווארען.

מיין ארימע, אונגליקליכע מוטער, האט בעני אויסגעשריהען און איז צוריק געפאלען צו זיין פלאץ, ווי אונגליקליך דו מוזט זיין.

א רייהע געדאנקען האבען זיך גענומען פלאנטערען אין בענים קאפ. זיין מוטערס אונגליק האט איהם דערשלאגען. ער האט אבער פאר קיין פאל ניט געוואוסט צו ליעב וואס זיין פאטער האט עס איהם דארפט דערצעהלען.

צו וואס האב איך דאס בעדארפט וויסען? האט בעני ביי זיך געטראכט. ווי וועל איך יעצט מיין מוטער קענען קוקען אין די אויגען. מיין מוטער! וועלכע איך האב געהאלטען פאר אזא גוטע פאר אזא טהייערע. זי איז אימער געווען גערעכענט ביי מיר פאר א הייליגע, ריין ווי א מלאך. און פלוצלונג אזוי אראבגעפאלען.

צו וואס האסטו עס מיר דערצעהלט? האט בעני געוויינט ווי א קליין קינד.

אבער דאס איז נאך ניט די ענדע! האט אראלף געזאגט. מיין לעבענס ערצעהלונג האט נאך א פיעל טרויעריגערע ענדע. דער שיקזאל האט געבראכט דערצו עס זאל אזוי זיין. איך וואלט דיר די גאנצע געשיכטע ניט געווען דערצעהלט ווען דיר מיין זוהן וואלט נישט פאר געקומען צו שפיעלען אין דעם א גרויסע ראלע און עס וואלט פאר דיר ניט פארגעשטאנען אזא גרויסער אונגליק ווי פערליעבען זיך און וועלען חתונה האבען מיט דיין אייגענער שוועסטער.

(פארטזעצונג פאלגט)

ה. יאנאווער א. ראזענפעלד
פאן מיין 6886 פאן קאלעדזש 5089
זיינען די
טאראנטא קאהל קאמפאני
91 קווינס סטריט פאן אפיס עדלייד 2029
פערקויפען נור
Elias Rogers Co's Anthracite
יעדער לאט, קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשעס טיקעטס. פיר קוואליטי און וואג גאראנטירט.

האט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם
דיינינג רום אונד רעסטאוראנט
אין 192 ספאדיינא עווניו, (ניער קווין)
עס איז פיר אייער אייגענעם בענעפיט
דאס שענסטע פלייס אין אקאמאדיישאן פיר לידיס און דזשענטלמען.
גוטע געשמאקעלע כשר'ע שפייזען און גוטע בעהאנדלינג גאראנטירט.
גרינבלאט, 192 ספאדיינא עוועניו, (נעבען ניבער פהיבי סטריט)

פעדלערס און סטאר קיפערס
די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטימערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.
האלסיילער און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער באוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זענען באריכט געווארען. דזשאב לאטס זענען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.
קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סט. וו. טאראנטא אנט.
טעלאפאן עדלייד 3772.

עסט פרישע עסען און לעבט לאנג
מיר קייטערען פאר באנקעטען, חתונות א. א. וו. מיר פערזארגען אויך דעם מאן מיט עסען ווען די פאמיליע איז אין קאנטרי.
עסט אין א ריינעם רעסטאראנט. אלעס שעהן, פריש, גוט, געשמאק זויבער און — דוקא ביליג.
אבער'ס כשר רעסטאראנט
168 קווין סטריט וועסט, טעלעפאן עדלייד 1960

אויטאמאבילס אויטאמאבילס
חתונות, פיקניקס און פיונעראלס.
פוירסט קלעסס טורינג קארס, פאר 7 פאסאזשירען צו פערדינגען.
$1.50 א שטונדע אדער ביים דזשאב. צופריעדענהייט גאראנטירט.
69 סענט פעטריק סטריט, מר. בלום טעלעפאן קאלעדזש 6998.

מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט טאראנטא
נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויף'ן פלאץ. חתונה רינגען געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם בילינגסטען פרייז.
14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניווייט. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעני־ווייט.
וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטאפס 50 ס מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי נייע פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם בילינגסטען פרייז.

פערגעסט ניט
דעם סוכות פעסט
פון דער
פרץ שולע
(געוועזענע נאצ.־ראדיק. שולע)
שבת אווענט,
25־טען סעפטעמבער
אין
מאסעי מוזיק האל
די בעסטע קרעפטען וועלען אנטייל נעהמען.
י״ס גלייך אייערע בילעטען אויף רעזערווירטע פלעצער.
בילעטען קענען געביטען ווערען אלע אווענד אין שול־הויז 194 בעווערלי סטריט.

ארטור פיי

היינט א גרויסע מאסענפערזאמלונג.

א גרויסע מאסענפערזאמלונג, וועט היינט 3 א זייגער בייטאג געהאלטען ווערען אין ליריק טהעאטער, ארגאנזירט פונ'ם היגען נאציאנאלען ארבייטער קאנפערענץ פאר אידישע רעכטע.

א. רייגוויין דעלעגאט צו דער נוי־יארקער קאנווענשאן, וועט אבגעבען א פאלשטענדיגען בעריכט, וועגען דיזער היסטארישער ארבייטער קאנווענשאן.

LOEW'S
לאוו'ס יאנג סטריט טהעאטער
אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט.
אבענד 10 סענט 15 סענט און 25 ס
פאן 3600 — היי קלאס וואדעוויל. — באקס סיטס רעזערווירט.
די אלדסווארטס באוועלטי בענדזשאיסטס | נעקסטע וואך. | פיעלסאן און גאלדיע זינגערס און וויסטלערס
גענווינס און גארדאן, דער טיפרייטער און די מייד
ניו יארקס אונטערוועלט פלייעס | דער שמייפער מאן | ראבערט אקאנגאר און אסטאר קאמפאני
פיער לאדיעל קאמיקיעס עקסענטרישע אקראבאטס | משארלאטט רייען סינגינג קאמידיען
א גוואלדיגע לאך קאמעדי | אמעריקאן קאמעדי פיער | וואודעוויל אמוזיענדער קווארטעט

אידישע און רוסישע סעלעקשאנס
די טאראנטא גראפאנאלא קאמפאני פון 61 קווין סטריט וועסט האט איצט אריין געקראגען א גרויסען אויסוואהל פון רעקארדס פון בערימטע אידישע זינגער, ווי אויך רוסישע און רומענישע ליעדער און מוזיק. איהר קענט קומען הערען איידער איהר קויפט זיי. יעדער רעקארד איז געצייכענט מיט א נומער און דער בוכשטאב (אי)
איהר קענט אויסקלייבען וועלכען איהר ווילט.
א רעקארד קאסט פון 85 סענט ביז א דאלאר. א גראפאנאלא קאסט פון $20 ביז $6.50.
אלע רעקארדס וועלכע איהר ווילט ארדערען מארקט מיט דעם בוכשטאב E אפען יעדען אווענד ביז 10 אוהר.


דאבל רעקארדס	$1.00
ליעב איך און די וועלט איז מיין שבת קודש געזונגען פון היימאן אדלער	811
איך ליעב א בחור איך וויל א מיידיל, געזונגען פון ל. קאליש	6014
רוסישע מוזיק	
אקס אדעסער הסיד'ל קאנסטאנטינאפאליש	6024
מוש אויס מיסערערע האכציים	6025
נאווא בראמשי קישענעוועטקאיא	6027
באמא פיאנא אי באדילא דיוויצקא בערעזקאם	6036
ווען דו ווינסט דאס ביסעלע ערד	1019
א מויד מיט א באמבע צוזיוט און צושפרייט	1882
אין האניג לאנד פרעגט מיר בחרם	1883
דער טייפער אויז	1885

TORONTO GRAFONOLA CO.
61 QUEEN ST. WEST, (Opposite Teraulay St.)

עמאנועל י. קענען.
דארפט איהר פייער אינשורענס! גאט העלפט נור דעם וואס העלפט זיך אליין פערלאזט זיך נישט אויף ניסים — אויב איהר ווילט רוהיג שלאפען אדער רוהיג זיין ווען איהר זייט נישט אין אייער געשעפט, אדער אין אייער הויז דאן אינשורט זיך ביי מיר — מיין קאמפאני קאנטינענטאל פייער אף ניוארק האט שוין פיר פיעלע פייערס אויסגעצאהלט דא אין טאראנטא אין די לעצטע 5 מאנאטען אהן טראבעל בלויז בריינגען די קליים און איך בעצאהל פיר דער קאמפאני. קומט צו מיר אייער פריינד אונד בעקאנטער עמנואל קענען, 24 טאראנטא סטריט, טאראנטא טעל. 4711 מיין אדער טעלעפאנירט אין מיין הויז הילקרעסט 3985. און איך וועל אייך אלע שנעל אונד פינקליך בעזארגען מיט פייער לייף ענד פלייט גלאז אינשורענס.

◆ ◆ ◆

דומא ווערט ווידער ערעפענט דעם 14־טען נאוועמבער.

פעטראגראד, סעפט., 16.

„די רוסישע דומא איז היינט פערמאכט געווארען ביז אין מיטען נאוועמבער האט פרעזידענט ראדזיאנקא אנאנסירט דעם אוקאז פון צאר וועלכער איז צו איהם איבערגעגעבען געווארען דורך פרעמיער גארעמיקין.

די זיצונג האט געדויערט בלויז דריי מינוטען.

פון דעם ארבייטער און ראדיקאלען ווינקעל האט זיך געהערט ווי מען שעפטשעט: „עס איז א א פערברעכען".

ווי עס איז שוין בעריכטעט געווארען, זיינען גענומען געווארען שריטע צו שטערען אירגענד וועלכע דעמאנסטראציעס וועלכע דאס פאלק קען פילייכט מאכען אום אויסצודריקען אונצופריעדענהייט.

„עס איז קיין סוד ניט", לויטעט די דעפעשע, "אז דאס פערמאכען די דומא געפינט שוין גאר ניט קיין לייטזעליגקייט אין די אויגען פון פאלק". די ראדיקאלע צייטונג "דיען", וועלכע איז תמיד געווען דער שארפסטער קריטיקער פון דער דומא האט זיך אויסגעדריקט:

„דאס לאנד איז ניט געווען צופריעדען מיט דער דומא, עס איז אבער געווען דעם פאלק'ס דומא, דעם פאלקס ארגאן, וועלכער האט פערקערפערט זיינע האפנונגען און זיין שטרעבען".

פרעזידענט ראדזיאנקא האט היינט געהאט א קאנפערענץ מיט די פארטייפיהרער.

א קנאפער מיליאן געזאמעלט פאר די מלחמה קרבנות

אין דעם לעצטען בולעטין, וועלכען מיר האבען ערהאלטען פון דער אמעריקאן רזשואיש רעליעף קאמיטע, וואוהין אלע הילפס געלדער ווערען געשיקט געפינען מיר אז ביז'ן 28־טען אויגוסט, האט דיא קאמיטע ערהאלטען די סומע פון $928,238,38.

קיין רוסלאנד	$455.000
דייטשיש־פוילען	195.000
עסטרייך־אונגארן	85.000
שווייצארישע סטודענטען.	2500
סאלאניקער אידען.	5,000
אידען פון אלעפא.	2.500
אידען פון מאנאסטיר.	3.000
צו רבי מאיר פא רד ואידען	1.000
אידען ארום די דארדאנעלען פון אוסקוב.	2.500
פאלעסטינא.	25.000
וואולקאן.	84.627.81
אפיס און אויסגאבען.	12.470.47

27 נייע לאיערס

לעצטע וואך האבען אין אסגוד האל גראדואירט 27 נייע לאיערס, פון זיי 3 מיט מעדאלען און האנארס.

צווישען די גראדואירטע געפינט זיך אויך סעמיועל פעקטאר, וועלכער האט גראדואירט מיט א זילבערנעם מעדאל און האנארס.

(פארטזעצונג פון פיידזש 3.)

נען געפאהרען אויף דאטשעס ארום לאדז, און די ארימע זיינען געבליבען אין דער היים, אין לאדז גופא, און זיך געקוויקט מיט א גרעזעל אין א שטאדטישען גארטען. —

יעדער האט געהאט זיין פלאן, איך בין א פרוי פון א פאבריקאנט, פאר אונז פאסט ניט צו פאהרען אויף א דאטשע נעבען לאדז, פאר אונז פאסט "אויסלאנד" זיינען מיר טאקי געפאהרען קיין אויסלאנד.

דאס הייסט געפאהרען בין איך נאר טאקי קיין פראנצענסבאד. וועט איהר מיך דאך פרעגען פארוואס? זאג איך אייך, גאר פשוט: מיר האבען קיין קינדער ניט. דאס הייסט, מיך טשעפעט עס ניט, אדרבה, איך דארף נאך האבען די קליינע חברה! מעהר פעהלט מיר ניט! נאר איהם, מיין מאן, איזידאר'ן, נעהט עס אין לעבען. ער וויל דורכאוים האבען א קינד. נו, פאהר איך קיין פראנצענסבאד. א פרויען־קוראָרט.

מיינט איהר, אז דארט איז ניט גענוג פרעהליך? איהר מיינט, אז דארט זיינען פאראן בלויז פרויען? האט איהר א טעות. פון קארלסבאד, פון מאריענבאד און אנדערע ערטער קומען אריבער קיין פראנצענסבאד גאנצע מחנות יונגע ליטליך, אז עס איז א מחיה, און די יונגע דאקטוירים'לעך וואס קומען דארט ספעציעל אהין! נו, נו, קיין פרעהליכקייט פעהלט ניט.

איזטאקי א מחיה! פאהרט מען זיך אביסעל דורך אין אן אויטאמאביל מיט א פאאר יונגע לייט.

און אז מען איז אמאל ניט געפאהרען האט מען אין דער היים אויך גוט פערבראכט. די יונגע דאקטוירלאך זיינען דאך אזעלכע העפליכע און ליעבליכע, עד היום שטעהט מיר נאך פאר די אויגען דער יונגער דאקטאר ש. וועלכער האט מיך בעהאנדעלט....

און איצט — איז א מלחמה אויף דער וועלט און ווער איז דער ערשטער קרבן — איך! קיין אויסלאנד קען מען ניט פאהרען און מיין מאן טהוט מיר א גאנצע טובה, אז ער לאזט מיך זיין אין רודא...

רודא איז היי־יאהר געווארען אויסלאנד. עס איז א פערקעהרטע וועלט. די רייכע פאהרען אויף א דאטשע, די מיטעלקלאס פערברענגט אין דער שטאדט אין די גערטנער און די גאר ארימע ליגען גאר אין דער היים. וואוין איך איצט אין רודא, דאס נייע פראנצענסבאד, מ'שטיינס געזאגט, איך מוז אייך זאגען אז מיר איז דארט איצט צום טוידט. איך קען מיך דארט ניט אנזעהען. רודא איז דאך ניט מעהר ווי א דאטשע ארט און שטעלט אייך פאר, אז איך זאל מוזען זיין אויף א דאטשע און וואהנען אין א דירה, אין וועלכער עס האט אפשר פאר א יאהרען געוואהנט א שוסטעריין, אדער א שניידערין — ווי געפעהלט אייך אזא אומגליק?

— — — — — — — — —

איך מוז אייך זאגען אז איך האב איצט ערשט דערפיהלט איהר צער און זיך אליין פערשעהמט פאר וואס מיר איז גאר איינגעפאלען צו טראכטען פון אזא קליינער טראגעדיע, אז דער מאן איז אויף'ן שלאכטפעלד, בעת די טראגעדיע איז פיעל גרעסער.

נאך דאך האב איך זי געפרעגט:

— און וואס זאלען נאך טהאן דיא וואס זיינען שטענדיג געפאהרען אויף א דאטשע קיין רודא און אין אנדערע ערטער און איצט פאהרען זיי אין גאנצען ניט.

— נו, האט זי א מאך געטהאן — די ליידען דאך ניט אזוי — די זיינען דאך ניט קיין רייכע.

— און וואס זאלען טהאן דיא וואס ליידען נעבאך איצט הונגער אין דער שטאדט?

— נו, פון שלעפערס רעדט מען איבערהויפט ניט.

אלע קשיות זיינען מיר שוין געוועזען פערענטפערט; אלע צער'ן און צרות האבען איצט אויפגעהערט עקזיסטירען און איך האב ערשט ריכטיג גענומען בעגרייפען דעם טיעפען גרויסען שמערץ פון דער דאמעלע מיט דעם בוקעט בלומען, וואס מוז נעבאך פאהרען קיין רודא — אנשטאט קיין אויסלאנד...

ראובן ב.

(פון "לאדזער פאלקס בלאט")

רוסלאנד רופט ווידער זאפאס

לאנדאן סעפטעמבער 18.

פיעל וויכטיגקייט ווערט דא געלעגט אויף דעם וואס רוסלאנד האט גערופען מעהרערע טהיילען פון דעם זאפאס, וואס דאס ווערט איהר געבען נייע אכט מיליאן סאלדאטען.

די נייע גערופענע זענען אזעלכע, וועלכע זיינען פריהער אויסגעבראקירט געווארען אדער וועלכע זיינען צוליעב געוויסע פריווילעגיעס בעפרייט געווארען.

ווי די נאוואיע ווערעמא מעלדעט, האט די ליבעראלע קאאליציע פון דער דומא געענדערט איהר פאליסי בנוגע אידען, און זיי זיינען גרייט איינצוגעהן, אז די אידען בעגרענצונגען זאלען ניט אבגעשאפט ווערען מיט אמאהל, נור ביסלאכווייז.

צו דערזעלבער צייט, איז אין רוסלאנד פארגעקומען א קאנפערענץ פון אידישע כלל טהוער, און זיי האבען בעשלאסען צוריקצואווייזען אלע הנחות, פארערענדיג פאלשטענדיגע פרייהייט און אויסלייכונג.

א בעריכט פון נאציאנאלען ארבייטער קאנווענשאן

א גרויסע מאסענפערזאמלונג וועט פארקומען זונטאג דעם 19־טען סעפטעמבער 3 אזייגער אין ליריק טהעאטער.

א. רייגוויין, דעלעגאט צו דער נוי־יארקער קאנווענשאן וועט בעריכטען וועגען דיזער היסטארישער קאנווענשאן וועלכע פערצייכענט א נייע קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג. פערשיעדענע רעדנער וועלען רעדען וועגען דער ארבייט פונ'ם ארבייטער קאנפערענץ און די נויטווענדיקייט פון פעראייניגונג.

פארזיצעדער, י. ראזען. מיט גרוס,
די טאראנטא נאציאנאלע ארבייטער קאנפערענץ פאר אידישע רעכטע.

COWAN
פראבירט זיי -
איהר וועט וועלען מעהר
Cowan's Maple Buds
Little Miss MAIDEN CANADA
Registered
336

Meet me at the Fireside Strand Yonge near King Continuous 10 A.M. to 11 P.M. Mats 5¢ 10¢ Eves 5¢ 10¢ 15¢
דאנערשטאג, פרייטאג און שבת
די מאן סטאון
מיט ערדזשין אברייען און עליין האמערשטיין.
ווי אויך פאטי וויעקלי און גוואלדיגע לאכעדיגע קאמעדי.
מעזאנייני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 3345

שלאגט כפרות אויפ'ן אלטען שטייגער נאר מיט מאדערנע בעקוועמליכקייטען
טהוט אזוי:
רינגט אב עדלייד 2846, דאס איז די סיטי פאולטרי סיינט פעטריק מארקעט אדער קומט פערזענליך, קלייבט אויס היהנער אדער הענער, וואס אייך געפעלט, און מיר וועלען זיי אייך שיקען אהיים דאן שלאגט כפרות דאן שיקען מיר נאך זיי מיר שעכטען זיי, מיר פליקען זיי און מיר שיקען זיי אייך צוריק אין בעסטער ארדנונג, איהר האט גענוג ארבייט, לאזט אונז טהון אייער ארבייט פאר אייך
3649—16—9
CITY POULTRY MARKET
: ST. PATRICK MARKET
238 Queen Street West

אויפמערקזאם
בשר כשר
אזוי ווי אונזערע ביזנעס פערגרעסערען זיך יעדען טאג האבען מיר געפונען פאר נויטיג צו עפנען נאך איין בוטשער שאפ אין 80 עליזאבעטה סטריט וואו מיר פערקויפען רינדערנע, קעלבערנע און שעפסענע פלייש 8 סענט א פונט.
יעדען טאג פריש געשאכטען ברוסט און סטייק, 14 סענט א פונט. קעלבערנע צאפס און לעם צאפס 12 סענט א פונט.
בארענשטיין און וויינראט
אונד 134 עליזאבעט סט.
די זעלבע פרייזעס

אויפמערקזאם
לידיס - טיילארס
די וויכטיגסטע זאך אין אייערע ביזנעס איז צו מאכען גארמענטס גוט א פערפעקט פיט. — כדי דאס צו טהאן מוזט איהר האבען פאלקאמענע פארמס. די
דייל ברענד
געמאכט צו פאסען קאנאדיען פרויען פאר דעם קאנאדיען מאנופעקטשורער און דער פארם וואס דארפט.

- DALE -
WAX FIGURE Co. Limited
106 FRONT STREET East
טעלעפאנס:
מיין — — — 3023
דזשאנקשאן — 1923

דיימאנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך
איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדער. דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערען אלע מאל טייערער און עס איז אן אינוועסטמענט.
מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט די לייכטסטע אבצאהלונגען. ספעשעל דיסקאונט 10 פראצענט פאר קעש. דזשייקאב בראדער 15 יאנג סטריט ארקייד.

דוד כהנא טויט

ווי א בעריכט פון לאנדאן מעלדעט, איז געשטארבען אין אדעס דער בעקאנטער העבראאישער געלעהרטער און שריפטשטעלער דוד כהנא, אין עלטער פון 76 יאהר.

דער פערשטארבענער האט זעהר פיעל געשריבען וועגען דער חסידישער בעוועגונג.

ווער איז נעקסט?

אין אונזער פרייטאגדיגער אויסגאבע האבען מיר שוין געמעלדעט, אז חזן וולאדאווסקי איז וויליג אבצוגעבען זיין גאנצע הכנסה פון די ברית'ן פאר די מלחמה קרבנות.

ווי קאנטאר וולאדאווסקי ערקלעהרט אונז פערדיענען די היגע מוהלים דערפון ארום 50—60 דאלאר א וואך. און אלע מוהלים קענען זיך בעגעהן אהן דיזע הכנסה.

ווען אלע וואלטען וועלען איינגעהן אויף דיזען פלאן, וואלטען דארום דער פאנד פאר די מלחמה קרבנות געקענט פערגרעסערט ווערען זעהר פיעל. חזן וולאדאווסקי איז וויליג אבצוגעבען דיזע הכנסה פאר דער גאנצער צייט וואס דיא מלחמה וועט אנגעהן.

ווער פון די מוהלים, וועט זיך אברופען נעקסט?